STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06381

IN SOF FUN TEG

A. Berger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בערגער

אין סוף פון טעג

א זאַמלונג לידער

תשכ"ה ניו־יאָרק 1965

"IN SOF FUN TEG"

(At Day's End)

P o e m s

by A. Berger

Copyright 1965 *by*
I. AARON BERGER
215 Gunhill Rd., Bronx, N. Y. 10467

הויפטפארקויף „ציקא" ביכער־צענטראלע
"CYCO", 25 East 78th Street, New York, N. Y. 10021

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
Printed in the U.S.A. by SHULSINGER BROS.
New York, N. Y. 10003

מיינע אייניקלעך,

מיט גלויבן אין

אונזער אידיש־זיין,

געווידמעט.

I

בּלויע הויכן

כינוס

מיר גייען אַרוים אויף אונזער פעלד,
די שפּעטע, לעצטע גאַרבן, אויפצוקלייבן.
סוף־זומערדיקע טעג —
דאָס פעלד אין גאָלדן שפּע
ליכטיקט נאָך און העלט,
נאָר קאַלטע ווינטן שוין, האַרבסטיקע זיך טרייבן . . .

מיר גייען אַרוים מיט דעם אָוונטדיקן וועג,
די בינטלעך ציטערדיקן גאָלד
צום שייער טראָגן.
מיר — די אָפּגייער פון צייט —
און זאַמלען איילנדיקע אין דער שפּעטער שעה,
און זעען ווי פון ווייט:
די אָוונט־וואָלקנס טונקעלע זיך יאָגן.

די זייער פונעם פעלד —
זיי האָבן זייער מי און ליכטיקן געזאַנג
פריידיקע, געלאָזן אונז צו אַרבן.
און ווי די פייגל — אין אָוונטדיקן גרוי,
צו האָריזאָנטן נאַכטיקע — פאַרפליען — — — —
דער אומעט ציט — און פראָסטיקט אין אַרום,
אָ, גאָט! נישט לאָז נאָך אונז
דאָס ליכטיקע פעלד פאַרדאַרבן . . .

פאַרנאַכט אין פעלד

ווי ס'וועדט פאַרפרעמדט אַמאָל דעם מענטש זיין אייגן הויז,
פאַרפרעמדט ווערט אויך אַזוי אַמאָל ארום די וועלט.
דו גייסט אַרוים פאַרנאַכט, אַליין, ביים ענד פון שטאָט
אויף אָפן פעלד, — און בלייבסט פאַרבלענדט . . .

אַ וועלט — אַ פרידלעכע, און פאַרביק אויפגעהעלט,
אין שפּיל פון ליכט, ווי נייַ אַנטפּלעקט זיך שפּרייט ;
דו גייסט — און דיר געהיים נאָך דיינע טריט גייט נאָך
פון אַלטע וויַיטע טעג, אַ ליבע פרייד.

די פרייד פון גאַרבן, — פעלד און זינגנדיקער שניט,
פון ברונימער אויף וועגן, ריזלענדיק פון טיפן קיל,
דיר דאַכט : בלייבסט שטיין, שעפסט וואַסער אַן פאַר שאָף
און ווי דער פאַסטוך, רוסטו לאַנג פאַרטרויט דאָרט שטיל . . .

פאַראויס — דער וועג דער אָוונטיקער, גלימערט, ציט.
דער צער פון אונזער צייט, — פאַרשטילט ווי הינטער ווענט —
און נאָענט, ווי קלאָרער קוואַל אַרום די שטילע פרייד
פון מענטש און וועלט — דאָ ווידער זיך דערקענט.

גלויבן

א.

ווי גוט נאָך זיינען דיינע געצעלטן, גאָט!
ווי גוט מיט דיר אַזוי צו גיין:
אויף וואַלדיקע הויכן — בערג
דורך טיפן טאָל — אַליין;
וואו ס'צייכנט ווי שריפט זיינע טריט
דער יונגער הירש, און האָז.
און וואו אין דער שטיל —
אַ פויגל דיין נאָמען רופט,
און פונעם גראָז
אים ענטפערט אַן איינזאַמער גריל . . .
און אין דער לופט —
אַזוי קוואַליק, העלט און העלט,
דיין אייביקייט — דיין נאָמען אין אַרום
פון אָט דער וועלט . . .

ב.

איבער די מידע און צערפולע אויגן:
אַ גילדיקער הימל־פּאַס ווי אַן עטרה פאַרצויגן.
און שטיל אין דיר, לויטער, פאַרבאָרגענע פרייד
ווייט צו אין־סוף אַזוי, ציט זיך און שפּרייט...

זעסט: — ליכטיקער מאָרגן צעשפּילטער, זיך וויגט,
איבער דער וועלט — אַזאַ זוניקייט ליגט,
טיף אין די רוימען אַזאַ גאַנצקייט זיך שפּירט.
און גלויבסט — גוט איז די האַנט וואָס אַלץ אַזוי פירט.

אָ וועלט...

אָ, וועלט! וואָס האָסטו אונזער דור געגעבן?
טעג אַזעלכע גרוויליקע אין לעבן, —
און ווי פּאָר אייביקייטן צער — דורך געציילטע יאָרן.
דאָך ליב איך דיר און זאָג: ווי וואויל
צו זיין געבוירן!
ווי וואויל צו זיין פון דיר אַ טייל,
און ווי דער בוים אין אָפן פעלד,
צו קענען אויף דעם גוף אויך טראָגן
די שפּורן, פון זון און רעגן,
ווינט און קעלט...

און אין די טעג די שווערע, פאַרלוירן —
ווי דעם מדבר-וואַגלער זיין מיראַזש,
האָסטו אויך פאַר מיר — פאַר מיינע אויגן,
דעם ליכטיקן חלום פון מיין שטאָם
אין פאַרביקייט פאַרצויגן.
און כ׳זע: ווי פונעם בלוטיקן און חורבנדיקן מיט,
דעם טאָג, אַ געלייטערטן דורך פלאָם
וואָס קומען וועט —
„אפילו ווען עס זאַמען זיינע טריט”.
און כ׳בענטש דיך,
מיט אַ פרייד אַ שטילער, אין באַגינען,
ווען פעדים גאָלדיקע אין די שויבן
שפּיזלען דין און שפּינען,
און אָונט, — מיט דעם וואונדער אייביקן
איבערן קאָפּ,
ווען כ׳גיי ביים ענד פון שטאָט —

ווי דורך לייכטנדיקע וועלטן — שטערן;
וואָס זינגען נאָך ווי פון אור־כשדים,
גלויבן, ליכטיקן אַראָפּ.
און וואָס גייט מיר דורך אַלע טומלדיקע גאַסן נאָך,
און באַגלייט מיך אויף יעדן וועג, דעם שווערן.

אין שווערע טעג

„מה נאה אילן זה" (פרקי אבות)

דעם גאַנג פון די גרויע שווערע טעג, ניט דערמאָן —
פאַר מיין טיר דערוואַרטן וועל איך שטיל די שאָטנדיקע טריט.
דאָ ליכטיקט אַזוי ווייס דער פאַרק אין ערשטע זומער־טעג,
און וואונדערלעכן חלום שפרייט דער האָניקדיקער צוויט . . .

אין פרישן גראָז — אונטער בלעטער פון אַקאַציע־בוים —
שטאַפלען צווייגן אומבאַמערקט, אין גאָלדיק־בלויע הייכן;
אַרויף—אַראָפּ, עס בלענדט די ערד אין ווייסן שטויב פון בליטן,
און ווייטע שפּינענדיקע וועלטן דיינע הענט דערגרייכן.

אָ, שעה פון רו — מיט זון און בוים און צוויט!
וואו איז דער סם אַצינד, וואָס טריפט דורך דיינע טעג?
אַ טייך אַ זוניקער דיך טראָגט און טראָגט, באַרוישט,
און וואַשט דיך ריין און לאָזט דיך ביי אַ גאָלדיק ברעג.

דער ברעג שפּרייט וואונדערלעכן ליכט פאַר דיינע טריט,
אַ פויגל זינגט — דו הערסט, אַ שטילער, ווי אין טרוים — —
וואו ציט דער ווייסער וועג? דיר דאַכט דער תנא רעדט:
ווי שיין דורך אַט דער וועלט עס בליט אַזוי דער בוים.

א. בערגער

מיראַזש

כ׳האָב אַרויסגעקוקט פון פענצטער . . . גאָלדיקער פאַרנאַכט אין מאַי.
און איבערן גאַס אַקעגן, פאַר געביידעס איז געשטאַנען
פלוצלונג, ווייס צעבליט אַ ביימער־שורה
ליכטיקע קאַשטאַנען.

ס׳האָט די זון געשפּילט, געגאָלדיקט אין די צווייגן,
און געלויכטן האָט דער צוויט ווי פון נאָענטע לאַנען.
און כשופדיק זיך האָבן רגעס שטיל אַזוי געצויגן
פון די ווייסע בליענדיקע קאַשטאַנען...

כ׳האָב אַפּיר געגעבן מיט דער האַנט — אַריבער מיינע אויגן, —
און פאַרוואונדערט ניט פאַרשטאַנען:
דאָ אין גאַס, — ווי האָט זיך פלוצלונג דאָס גענומען
אָט די ביימער־שורה פון קאַשטאַנען?

נאָר מיט זון־פאַרגאַנג, פאַרבלייכט, אַזוי פאַרשוואונדן,
איז די זעאונג — אַנגעפלויגן, ניט פון דאַנען:
פון אַ וועג, אַמאָל — וואָס דורכגעשטראַלט האָט פאַר מיינע אויגן,
פון צעבליטע ביימער־שורות — ליכטיקע קאַשטאַנען.

אָנהייב פרילינג

גאָענט פאַר מיין פענצטער,
אין פרי־פרילינגדיקן פאַרנאַכט,
אַ רויט־ברוסטל זינגט :
דערמאָנט — און וואונדערלעך אַזוי קלינגט
מיט אָנזאָג ליכטיקן — — —
און כ׳גיי אַרוים דעם „ליבן גאַסט״ אַנטקעגן.
די ענד פון שטאָט
אין אויפגעלויכטענעם גרין
גייט־אויף —און כישופט, ציט —
די זון הענגט נידעריק אַריבער אַלע וועגן.

דער אָוונט גאָלדיקט טיף אַרום.
און אינעם וועג — באַנייט —
כ׳הער דעם ליכטיקן מבשר,
ווי ער זינגט אַ פריידיקער,
אין דער אויפגעלעבטער, פרילינגדיקער צייט . . .
נאָר טיף אין מיר —
און אין דער זוניקער פאַרנאַכט,
מיר דאַכט :
דאָרט ציט און וויינט אַזוי אַ קול,
שטיל, פון טעג פאַרגאַנגענע —
אויף אַ וואונדערלעך „אַמאָל״,
וואָס מיט דער „פּאַווע דער גאָלדענער״
האָט איבער ימען בלוטיקע, זיך פאַרלוירן,
און ליגט געשאָכטן דאָרט
שוין לאַנג — דורך יאָרן . . .

פייגל

אַ לויב דיר, גאָט!
פאַר מיינע נייע פעדערדיקע שכנים,
וואָס האָבן אין די ערשטע טעג פון מאַי
ביי דער ענד פון שטאָט —
נאָענט פון מיינע פענצטער זיך פאַרקליבן,
און קומען מיט שחריתדיק געזאַנג
מיט העלן,
אין מאָרגן פרי, אַרום
אויף די געזימסן זיך צו שטעלן;
צו ברענגען מיר אַ וועלט
פון תמימות,
אויף אַ ווינקל אָרט פאַרבליבן . . .

אַ לויב דיר, גאָט!
וואָס ס'קען נאָך איצט מיין האַנט
די אָרעמע קערנער,
ברעקלעך ברויט —
פאַר לידער לויטערע זיי צאָלן.
און דורך דעם רויש אַזוי פון עראָפּלאַן
וואָס איבערן קאָפּ דאָרט גרויט —
דאָס געזאַנג פון מיינע פריינט
אין ליכטיקייט פאַרנעמען . . .

און אַ לויב דיר — וואָס נאָך ביז היינט
האָט דער געשפּאָלטענער אַטאָם
מיט דעם בן־אָדמס גוטן ווילן —
ניט זיי — ניט מיר,
געפּרואווט פאַרשטילן.

נאַכטיקע שיין

דער שפּעטער זומער־אָוונט פאַר די פענצטער,
סודותדיק אין בלוי זיך ציט;
כישופט, שפּילט און גליט —
מיט פייערלעך, אין גרין און רויט,
פון וויגנדיקע שיפן
אַריבער וואַסערברעגן נאָענטע
פונעם ים צעזייט . . .
וואונדערלעכע שעהען־רו פאַרבליבענע
פון סוף וואָכן — גאָלדיק־שפּעטן זומער.
נאָר איבער דיר — אַריבער דיין געמיט,
דער פלאַטערדיקער קומער —
פון „פאַרגאַנג" אַזוי וואָס ציט:
פון די — וואָס זיינען ערשט געווען
אַרום, מיט דיר — דורך אַלע דיינע יאָרן,
און זיינען פלוצלונג —
ניט געוואָרן . . .

און פון דער הויז דער ליכטיקער, ווערט ליבער דיר,
די שוועל די טונקעלע, דאָרט,
פון פאַר דער טיר.
און ליבער פונעם פיינסטן אויבנאָן,
פאַרנעמסטו — אין קיניגרייך פון נאַכט —
די איינזאַמע שוועל, — דיין „טראָן" . . .
אַרום — סוף־זומערדיק און קיל,
און ס׳ציטערן די שטערן־שניר אין שימערנדיקן בלוי,
און נידערן אַריבער דיר אַזוי שטיל.
דו הערסט: ווי ס׳רוישט דער ים דאָרט אין ווייט;

פאַלט אַפּ — און צו,
און זינגט זיין ליד אין אייביקייט,
פון שטורעם, און פון רו . . .
און אין דער שאָטנקייט דיר דאַכט:
דו ביסט אַליין פאַרבליבן שוין
אין דער וועלט, און נאַכט,
און ציסט — מיט דינע זילבערדיקע לבנה־פּאַסן,
אַריבער ביימער־קרוינען,
שטיל, דורך טויט־פאַרלאָזטע גאַסן . . .
און שפּירסט — ווי געהיים אַ האַנט
וואָלט דיך באַרירט,
און אָפּגעפירט, פון אָרט און צייט.
דו ביסט אי דאָ,
און ערגעץ אַזוי ווייט . . .
— — — — — — — — — —
דו ביסט מיט די —
אין קיניגרייך פון אייביקייט.

ליד ביים ים

פוןווירבלענדיקע גאַסן ענגע,
און שטורעמדיקע תהומען, —
אויף דיינע קלאָרע וויים־געשפּרייטע זאַמדן,
ברעגן — אין אוזאָרן דינע, — ווייסע שוימען,
געבראַכט האָב איך — אָ, ים,
מיין מידן גוף
פון אַ וועלט — אין פליייצנדיקן סם—
צו דיינע ליכטיקע בראשיתדיקע שוועלן.
קום און לייטער מיך!
פאַרוויג מיך מיט דיין אין־סוף,
מיט דיינע לויטערע און שפּילנדיקע וועלן . . .

קום, שפּיל אַריבער מיר
דיין ליד פון אייביקייט,
מיט דיינע רחבותדיקע וואַסער־פעלדער
לויפנדיקע דורך די ווייטן, —
פאַרוויגט פון אור־באַשאַף
דורך טעג און נעכט
מיט דעם געזאַנג פון שפּילנדיקע ווינטן,
און פון זונען בלענדנדיקע
ווי שמעלצנדיקער גאָלד,
פון אַלע צייטן . . .

קום אַריבער מיין געמיט
מיט דיין ציטערדיקן זילבער
אין אוונטיקן ליכט, — ווען ס'ציט
לבנהדיקע נעצן, שטיל,

א ניט־זועענדיקע האנט — אין שטראלן.
און ס׳ציט דער מידער גוף אזוי
צו יענע נעצן־ליכטיקייטן,
ווי אין א שוים א פאטערלעכן
בארואיקט, דארט צו פאלן . . .

דער וועג

דאָס איז דער וועג!
פון אויסגעחלומטע לאַנד, —
און אויף דעם וועג — בין איך געגאַנגען
דורך פרילינגדיקע טעג:
אין זוניקע באַגינענס,
און אין אָוונטס-בלויער בליענדיקער שעה.

און אין די ווייטן דאָרט נאָכגעגאַנגען
זיינען מיר
ווי האַרפּסיקאָרד געזאַנגען,
פון אַ וועלט אַ בליענדיקער —
פון קופּערין און ראַמאָ...*)

דאָס איז דער וועג,
פון אויפגעגאַנגענעם אַמאָל —
אין ליכטיקע בליטן,
און שטילן פאַלן אין ארום
פון שניי-ווייסן שטויב — פון צווייט.

איך שטיי ביים וועג
דאָרט ווידער איצט — צוריק;
פאַרלוירן — און אין שטוינען!
בין איך אַמאָל געוועזן דאָ?...

דער בליק זיך פייכט
אין נעפּלדיקע רויכן גרוי,

*) פראַנקרייכס צווי גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן געבוירן אין זיבעצנטן יאָרהונדערט.

און הער פון ווייט:
דעם רויש פון מאָטאָר־פליגל — אין געיעג,
אַ הילכער שאָלט. — — —
און אין אַרום — אַריבער דעם וועג,
דער פייער־סמיקער שטויב.
פון געשפּאָלטענעם אַטאָם,
פאַלט און פאַלט . . .

יאַגד

איבער די האַרבסטיקע וואַסערן,
טייכן פאַרטאָגיקע —
פערל־גרוי אין טשערעט;
קומען די נאַכטיקע וואַנדערער,
פליגל־מחנות פון די ווענן איינגעמידטע,
אויף די וואַסער־פלאַכן רוען
אין האַרבסטיקן שפעט . . .

לאַנג דורך די נאַכטיקע שעהן,
פון אייז־קאַלטע הויכן —
ווי שטיל געוויין זיך געצויגן
האָט דאָס פליגל־פאָכן
שאָטנדיק דורך די בלויען.
מידער ציטערדיקער פליען —
יענע אָפּרו־וואַסערן צו גרייכן
אויף די ווייטע דרום־ווענן . . .

און ס׳ציען — — —
ביי די ברעגן,
פאַר די וואַסער־גראָזן —
שטיל, און שטום,
לויערער, יעגער־מחנות,
מיט טויט געלאָדן בליי־אַרום.

אַ, גאָט! פאַר די מידע וואַנדערער,
די פליגל־מחנות דאָרט, אַצינד,
די לויערער, די יעגער
מאַך בלינד.

ציקאַדעס

ערשטע געלעביימער־שפּיצן
פון סעפּטעמבערדיקע טעג.
דאָרט ציען זשומענדיק ציקאַדעס,
זייער אויסגעצויגן, ציטערדיק געזאַנג.
און אינעם וועג — דאָרט הערנדיק,
מיר דאַכט:
דאָס זינגען זיי אַזוי לאַנג,
פון לעצטן יאָגן זיך
דורך זוניקע, גרינענדיקע ווייטן,
און פון אומפאַרמיידלעכן פאַרגיין
אין באַלדיקע תהומען, אייביקייטן . . .

און ס'ציען ווייסע וואָלקן־סטאַדעס —
נידערן פון בלויע הויכן,
און ווי לעמער — פאַר אַ פאַסטעך־פייפל
יענע בוים־שפּיצן דאָרט גרייכן,
וואו זינגענדיק פאַרגייען זיך די ציקאַדעס.
און צוזאַמען מיט די וואָלקנס, ווייסע,
אומעטיקע אויף די וועגן,
לאַנג אַזוי דאָס זינגען,
אַנהויב־האַרבסטיקן —
שטיל, מיר הערן . . .

געבעט

ווען דורך סוף־זומערדיקע טעג,
די ביימער, צייטיקע,
אין ווייניק־רויטע בלעטער
זוניקע, דערגליען:
פיר, אָ, גאָט, אין געלייטערטקייט,
שטיל אַזוי מיינע טריט —
דורך אָט דעם וואַלדיקן
און ליכטיקן וועג . . .

נעם צו — פון אונזער צייט — דאָס בייז,
און אייביק פאַלנדיקע שרעק.
ווי ציט דיין וועג זיך
דורך אָט דער וועלט —
פון וואַלד און פעלד,
אַזוי פרידלעך־שיין.
און אין אָט דער ליכטיקייט
לאָז מיר דערגיין:
צו דיר, צו יענע טעג,
ווי אין אַמאָל,
וואָס זיינען אין געאייל,
אין רויש —
אַזוי אַוועק.

כריזאַנטעמעס

דורך קילע, פּראָסטיקע אָקטאָבער-נעכט,
ווען אין אָרום אין ציטערדיקן בלוי,
שווין ציט דאָס וועלקן. דאַרבן:
גייען זיי אויף ווי שטערן גאָלדיקע
אין שפּעטער שעה.
מיט אַ ניט-דאָאיק ליכט
פון וואונדערלעכע פאַרבן . . .

ס׳ווייען ביימער דורך די טעג
אין געלן בלעטער-פאַל דערביי, —
און פייגל דורך די הויכן
פלאַטערן ערגעץ זיי פאַרביי.
נאָר טיף, אין לעצטן בליאונג האַרבן,
אַן איינזאַמע בין דאָרט זשומט, און זשומט,
און ציט דעם לעצטן האָניק-טראָפּן . . .
און ס׳שפּילט אין לופט,
און אויף אַ מידן בליק דערביי,
די לעצטע פרייד פון זומער
און זיין שטאַרבן.

פרעזערוויר

סוף זומער, ווי דורך די לעצטע בלומען-בייטן
די בינען, זשומענדיק גאָלדיקע זיך ציען;
ציען זיך זשומענדיק מײַנע חושים
און פרעזערווירן
לעצטע בעכערלעך — זוניקע טעג,
אין מײַן זין . . .

לעצטער ציטערדיקער גאָלד אויףביימער. —
אויף האָריזאָנטן —האַרבסטיקער, פאַרביקער שפּיל.
און אין קעמערלעך דין זיך שליסן
פאַר די נאָענטע טעג, די גרויע, —
זוניקע אוצרות
אין מײַן אויג און זין.

מיט די וועגן פון האַרבסט . . .

איך בין געגאַנגען מיט דעם וועג פון האַרבסט,
אַ וועג — דורך וואונדערלעכע פאַרבן,
און לויטער אַזוי פאַר מיר האָט אויפגעהעלט
דער גאַנג — פון אויפקום און פון דאַרבן . . .

דער גאַנג, וואָס ציט פאַר אונז און ציט,
פון אור־באַשאַף — ביז צו אין־סופן ;
אין נייעם וואונדער, ווי אַנטפּלעקט,
די וועלט געלעגן איז פאַר מיר אָפן.

און פון אַרום —די הויך און טיף,
ווי אייגן לייב געגומען שפּירן. — — —
און ס'האָט די טונקלקייט פון ווייט,
געשפּילט אין ליכטיקע קאָלירן . . .

אין אָנדענק . . .

אין ווייטן ליכטיקן זומער־פעלד,
באַגלייט האָסטו מיט טיפן ווײ
אַ נאָענטן, צו זיין אייביקער רו.
און קערסט זיך שטיל אום
מיט זון־פאַרגאַנג — שטום,
צוריק, אַריבער דער שוועל פון דיין טיר:
די זעלבע הויז — די זעלבע וועלט —
נאָר אַלץ אַרום דיר ווי — פעלט . . .

דער וואַרעמער זומער־אָוונט, גליט
אין אָפענעם פענצטער,
און דופטיק וואו ציט . . .
דו בייגסט זיך שטיל אַרויס:
וואָס איז די שפיל אין אייביקייט —
וואָס גייט קיינמאָל ניט אויס? —
און פלוצלונג אַריבער דיר,
פילסט האַרבסטיק אַן אַנגעקומענע קעלט . . .
אין ווייט: — דער זעלבער פינקלדיקער שטערן־רינג
נאָר אין דעם רינג דיר דאַכט: אַ שטערן פעלט.

אויך ער...

אויף דעם טויט פון אַלבערט איינשטיין

אויך ער — דער וואַנדערער פון די ספערן,
קערט שטיל זיך אום
פון זיינע וואַנדערונגען — אומענדלעכע וועגן,
דורך די ווייטע שימערנדיקע שטערן.
און קומט צוריק שטום
צום סוף פון זיינע אָנגעצייכנטע ברעגן;
צו דער אין חושך פיצל ערד — פאַרבליבן
דאָרט איינגעזאַמלט מיט זיין שטאַם צו ווערן...

אויך אים — דעם זעגלער דורך די רוימען,
ציען תהומען, בינדנדיקע טיפן.
און פאַר בלענדנדיקע צוימען
דורך די ים-בלויע הויכן —
זינקען זיינע זעגלענדיקע שיפן;
צו די סודותדיקע — ווייטסטע-וויטן,
טיף-פאַרהילטע שפינענדיקע אייביקייטן —
קיין מאָל צו דערגרייכן.

אין שקיעה־שיין

אַריבער מיין חברם יאָרן,
איז דער אייזערנער וואָגן פון לעבן
אַריבערגעפאָרן. —
און כ׳שטיי ביי זיין זייט
אין זוניקן פאַרנאַכט געבויגן,
און זע — די בליענדיקע וועלט
פאַרגייט — פאַררינט אין זיינע אויגן.
און ס׳דאַכט: זיין אויער האָרכט
און האָרכט אין די ווייטע אַרומען:
צי וועט די בעטנדיקע הילף
נאָך קומען? . . .

און ס׳טראָגט דער אָרום
אין לעצטער שקיעה־שיין —
אימהדיקן שטומען. —
און ס׳פייכט זיין בליק,
און אויף זיין ליפּ געהיים,
זיך רעגט און ציט
אַ וואָרט — אין אומרו — ניט דערזאָגט,
און ברומט און גליט
מיט שטום געוויין.
ווי די וואַלד־טויב פאַר זון־פאַרגאַנג
דאָרט ברומט און וויינט,
אויף ליכטיקייטן
אייביק אין פאַרגיין . . .

צו . . .

מיר וועלן זיך באַגעגענען,
דערנענטערן ביים ענד פון וועג,
ביים סוף פון אַלע סופן —
און אויפּליכטיקן דאָרט
וועלן אַלע אונזערע טעג,
אין די חלומות אַלע
פון אַ לעבנס־האָפן. —

און ווי די וואָלקנס דינע
אין די ווייטן,
אָפּגיין וועלן
אַלע אונזערע שטרייטן...

נאָר פון די יאָרן —
ווי דורך שלייערן פון צווייט,
אייביק לייכטן — אין אויפגאַנג
וועט דער זילבערנער לבנה־האָרן,
וואָס האָט אַמאָל אַזוי פאַר אונז
פרילינגדיק זיך געצויגן,
און ס׳האָט אַ וואונדערלעכע וועלט
אין צוזאָג —
אַזוי געכישופט פאַר די אויגן.

דער מאָלער

ער איז אַוועק —
געלייגט זיך מיט די אבות זיינע
דאָרט שטיל ביים זייט.
און אויף מיין וואַנט — זיין וועלט
אַ שטראַליקע איז פאַרבליבן,
אַ ניט פאַרענדערטע פון צייט.

דאָרט זוניקט זומער אייביקער
דורך ליכטיק־לאַנד אַרום.
(דאָרט וועלקט קיין בלאַט,
קיין צווייג, קיין בלום).
אַ באַרגיקער וועג,
אַ פאַרביקער
זיך ציט און ציט —
דורך בליאיקעביימער־שורות צוויי,
און טיפער הימל־בלוי
אַריבער זיי.

זיין אויג — ניט מער
פאַרנעמען וועט דעם ציטער־שפיל
דעם ליכטיקן, פון אַרום —
זיין וועלט,
און פון דער הויך — אין בלומען־קוסט
זיין ווייס און שטיל געצעלט.
נאָר אָפט אין שקיעה־שעה —
דורך די ביימער־שורות צוויי,
אויף אָט דעם וועג — מיט אים,
אין שטילע רייד — מיר דאַכט —
איך גיי און גיי . . .

אין שטערן־ליכט

ווי ליכטיק שפּאַנט אַזוי דער יעגער *)
דורך די בלויע ווינטער־טיפן פונעם הימל!
ווי ליכטיק־ווייס פלאַמט אַריאָן
פון מזרח האָריזאָנט;
דורך אומענדלעכקייט —
אין פענצטער מיר אַקעגען! . . .

און אונזערע וועגן,
אויף אונזער ערד,
גייען טונקעלער און גרויער
יאָר נאָך יאָר,
דורך אָפּגעציילטע טעג און שעהן.
און דורך די דורות
ווי קריגער אויף אַ פעלד,
פאַלן מיר און פאַלן
אין קאַמף אין אייביקן, פאַרלאָרן . . .

און אונזער „וואונדער־צייט"
פון ראַדיאָ און טאָן־פילם
זינקט ווי אַ זון אַ בלוטיקע פאַרצויגן.
נאָר ליכטיק אין זיין בויגן,
ווי אַמאָל פאַר די פּאַסטוכער —
אויף די נאַכטיקע פעלדער פון אור,
שפּאַנט און שפּאַנט דער יעגער
און בלענדט — — —
פון די ווינטער־בלויע הימלען . . .

*) אַ שטערן־גרופּע.

איך קום צוריק

איך קום צוריק — דורות־שטילן וועג,
וואו ליכטיק אין אַמאָל אַרויסגעגאַנגען איז מיין שטאַם, —
ווי ס׳קומט צוריק — אין סוף פון זיינע טעג
צום אָנהויב פון זיין דינעם שטילן שטראַם, —
דער סאַלמאָן־פיש — פון וויטן טיפן ים.

דער ים געכישופט האָט — געפירט
דורך ברויזנדיקע תהומען, און גענערט
מיט שוימענדיקע קרוינען — ביז דערשפירט
האָט ערגעץ ער — אַ קול, פאַרווירט,
און צו זיין אָנהויב־שטראַם, אים אומגעקערט.

וואָס איז דאָס קול — געהיים אַזוי וואָס ציט
דורך וועלט — און ציטערט ביז צום מינדסטן אַטאָם,
און שפילט דורך אַלע הויכן — צינדט און גליט,
און פירט צוריק — צום רייפן בלאַנקן שניט ?

באַשייד

שפּעטע נאַכטיקע רייד אַרום:
רייד פון קריג.
פון אויפרייסן — ערגעץ אין די ספערן.
און איך — ווי אין נעפּלען איינגעהילטע, שטום
אַן קאַלטן פענצטער־גלאָז דערביי,
אין מידקייט, געקילט האָב דאָרט מיין שטערן.

איך האָב געטראַכט:
ווי לאַנג דאָס זאַמען יענע טעג
פון נביאס צוגעזאָגטן שלום.
און אין דער זילבערדיקער נאַכט
געזוכט — אין הימלס שיינענדיקן שטערן־וועג,
באַשייד — פון יענעם וואונדער־חלום.

נאָר קאַלט געציטערט אין געדריי,
געגאַנגען זיינען ליכטיק די מזלות,
און ניט געהערט דאָס ערד־געשריי
וואָס האָט פון טיפן זיך גענומען הויבן.
און פון והיה — פון נביא — דער באַשייד
אין אייביקייט פאַרבליבן איז פאַרהוילן.

אַליין

עס זײַנען נאָך פֿאַרבליבן שטילע שעהן אינעם לעבן,
און אומגעריכטע וועגן קומען אונטער דײַנע טריט:
אַ ברעג פֿון וואַלד, אַ שטײַגנדיקער באַרג־שפּיץ אין דער לופֿט,
דו ביזט אַליין — און ווי דער פֿויגל פֿרײַ איז דײַן געמיט.

די וועלט פֿון מענטש, די בלוטיקע — באַפֿאַלן,
אַריבער דײַנע אַקסלען ,ווי נאָך געוויין — פֿאַרגייט.
דו ווייסט: אַ דור פֿאַרגייט, אַ דור קומט אָן, און פֿון דער ערד דאָס בייז.
מיליאָנען יאָר אַזוי אַרום דער זון זיך דרייט . . .

און ליב ווערט דיר און גוט — דער וועג וואָס ציט דורך וואַלד,
דער שטומער שטיין אין מאָך, דער באַרג־אַרויף אין ווייט —
דער שטילער זום פֿון בין, דאָס רוישן פֿון אַ צווײַג,
און ליב איז דיר דער הונט וואָס לויפֿט דיר בײַ דער זײַט.

א. בערגער

דער עפּל־בוים

דעם אָנדענק פון מ. באַסין

פאַר וועמען האָט דער עפּלבוים אַזאַ ליכטיקער געבליט,
געצייטיקט דורך די לאַנגע זומערדיקע טעג?
דער אַלטער פאַרמער איז אַוועק זיין לעצטן וועג,
און אינעם הויף פאַרלאָזטן, דער פריער האָרבסט שוין ציט . . .

דער שאַרפער ווינט די צווייגן איצט באַפאַלט
און ס'רוישט דער בוים, און בייגט ס'גאָלד פון קאָפּ.
און אויף דער ערד דער הוילער, — די עפּל פאַלן אָפּ.
און וועלן פוילן דורך די טעג און נעכט דאָרט קאַלט.

די פאַרם־הויז פאַר דעם וועג — אויך לאַנג פאַרלאָזט;
פאַר שטורעם־ווינט און שניי — ווי דער עפּלבוים דערביי.
קיין קינד דערפרייט זיין בליאונג האָט אין מאַי —
דער פאַרמער אין דער אייביקייט — ערגעץ רוט באַגראָזט.

הויכן

איך וועל גיין מיט דיר
אויף וועגן,
וואָס ליכטיקן דורך הויכן,
ווי פּאַסן לבנה-ליכט
אויף נאַכטיקע וואַסער-ברעגן
פון אַן אומבאַקאַנט לאַנד.

טריט אין לויטערקייט
און פרידן.
פון געדאַנק אַזוי
צייט — און טעג פאַרנומען —
און די אויגן:
וואונדער פון די הויכן זעען.

איך בין דער אידיש זינגער

איך בין דער אידיש זינגער — טרובאַדור.
וואָס זינגט פאַר שלעסער — אין רואינען.
און וויין אויףביימער פון אַן אויסגעברענטן וואַלד
וואָס וועלן מער ניט גרינען.

פאַרנאַכטיקע זון אויף שטילע פעלדער גליט.
און שקיעה גאָלדיקט אַריבער שפּליטער־שטאַמען;
די פייגל־מחנות פון אַרום — אין פייערן אַוועק
אַריבער אַלע ימען.

איך שטיי ביים וועג — וואו ביז די וועלט
האָט באַלד שוין אַלץ אַזוי פאַרנומען.
און אין דער אָוונטקייט — אַליין
מיין ליד דאָרט זינגט אין ליידיקע אַרומען.

אונזער דור

ווי טאָגס פאַרגייענדיקע ליכטיקייטן,
נאָך שטורעם הארבסטיקן —
דורך נאַקעטע פאַרבליבענע וואַלדיקע שטאַמען;
אַריבער אונז דער אָפּשיין
פון די אָוונטדיקע שטראַלנדיקע פלאַמען,
פון אונזער דור — דעם וואונדערלעכן,
אין זיין ליכטיקן פאַרגיין . . .

ווער וועט זינגען פונעם וואַלד דעם הוילן?
און אין די ווייטע טעג דערמאָנען:
יענע יונגע בלעטערדיקע קרוינען,
פרילינגס גרין צעווייטע פאָנען
דורך די שטורעמס אַלע אויסגעשטריטן.
און ווער וועט בענטשן אונזער דור,
די רייען העלדישע —
אין אַלע אוראַגאַנען אַזוי פאַרשניטן . . .

דורך זיינע טיפן געוואָרצלט האָבן דורות צווייגן,
און אונטער הימלען נאַכטיקע, צו הויכן אויפגעגאַנגען.
שטערן — וועלטן שפינענדיקע, דורך די ווייטן
האָבן זיך אַריבער אים געבויגן,
אין פאַרכישופטע חזון-געזאַנגען . . .
אָ, וואונדערלעכער דור!
וואָס האָט אויף זיך געטראָגן — אַ פריידיקער
די לאַסטן שווערע, פון אַלע צייטן.

איצט גליט, פאַרנעמט, דער אָוונטדיקער רינג — די רייען,
וואָס גייען שטילע, שאָטנדיקע אָפּ אָן זייט, — פאַרלוירן.

נאָר ווי דורך מדבר־וועגן, אין אַמאָל ;
דורך ברענענדיקע זאַמדן־יאָרן,
דעם חלום : פון צוגעזאָגטן לאַנד, געפירט —
און דערפירט, — אין דורות־שטראַלנדיקן אָרון . . .

אונזער „יוגנט"

צעפלויגן איז אונזער „יוגנט"
איבער אַלע לענדער, ווייטע ימען,
און איבער פעלדער פרעמדע,
בלוטיקע פאַרצויגן,
זייערע שלאַנקע גופים שפּאַנען,
רוישן — פייל און בויגן —
טראָגן זיך דורך פייערן אין ווייטן . . .
אונזער אָדלערדיקע יוגנט
איבער אַלע ימען זיך צעפלויגן.

און פאַר די שטילע פענצטער, טירן,
נאַכטיקע אַזוי געבויגן —
ווי די זקנים דאָ, מיר גרויען,
דורך די לאַנגע שוואַרצע שעהן.
קוקן שטאַרע אוים די אויגן:
פאַר דער „יוגנט" — ווייט צעפלויגן,
אונזער פליענדיקע יוגנט,
אָדלערדיקע. —
איבער אַלע ימען זיך צעטראָגן . . .

II

גליאַקע װעגן

אויף אונזער וועג

אָ, וויפל שיינקייט און וויפיל טרויער איז פאַראַן,
אין גרויסן וואונדער פון אונזער אידיש לעבן;
וואָס ציט אַרום די רינגען פון דער גרויסער וועלט
אַ „פייער־פויגל״, דורך טונקעלע געוועבן.

אָ ,וויפיל שיינקייט און וויפיל טרויער איז פאַראַן,
אין לופט אַזוי אין איינזאַמקייט צו ציען,
און ווי די שטראַלנדיקע פיש אין גרונט פון ים,
פון זיך אַליין, דאָס ליכט אין חושך גליען . . .

אָ, וויפיל שיינקייט און וויפיל טרויער נאָך באַשערט
איז אונזער דור — דעם ליכטער־גאַנג צו פירן;
דעם „האָריג־מאַנטל״, קיניגלעך פאַרנומען, טראָגן
און סאַמעט־ליב אַרום דעם לייב אים שפירן.

ווייטע שיין

דאָרט אַריבער יענע פאַרבליבענע ווייטן,
אַלטע היימען, — ליכטיקע אַרומען,
האָט נעפּל פינצטערער
שוין אַלץ אַזוי פאַרנומען . . .
נאָר אָפּט: ווי ס׳בליצט נאָך שטורעם אויף
אין טונקעלן אַרום — דער שוואַרצער האָריזאָנט,
און ס׳שניידט אַ ליכט־פּאַס דורך — זיגזאַגיק,
באַלייכט אַ רגע דאָרט — דערמאָנט
דאָס חרוב אָרט, פון בליאיקן אַמאָל;
גייט אויף פון ערגעץ פּלוצלונג און זיך ציט
פאַר דיינע פענצטער — דיר נאָענט אַ קול,
(גייט דורך, דורך דיר ווי שמעקענדיקער צוויט)
כאַפּסט אויף — פון ווייטע טעג פאַרגאַנגענע,
אַ פאַרלוירן קלאַנג, —
אין קדושה פלאַטערנדיק
אַ ציטערדיק געזאַנג:
ר ז י ד ש ב ת — — —
און ווי דיין שויב מיט לעצטן אָוונט־זון
זיך צינדט, גליט אויף אַ רגע — העלט,
לייכט אויף אין דיר, און אין אַרום
אַ וואונדערלעכע דורות־פעסטע וועלט:
דיין פאָטערס ליכטיקע געשטאַלט,
מיט עדהס אידן אין שבתדיקער קרוין
פאַרנאַכטיקער, צעשטראַלט . . .
און וויגנדיקער געזאַנג פון קלויז
דורך גאַסן מנוחהדיקע, זיך שפּרייט,
און פלאַטערט פאַר פענצטער אָפענע,

פאַרציט אַ יעדער הויז
אין ליכטיקן וואונדערלעכן שיין
פון אייביקייטן,
דורותדיקן זיין!
מיט שפּילנדיקן לעבן, פאַרביקן,
איינגעשטעלטן, פרום,
מיט קלאַנג פון אידיש לשון
פערלדיקן, דיר אַרום . . .
— — — — — — — — — — — —

איצט ציט פון דאָרט — דורך דיר
ווי ניט געשטילט געוויין: —
ווי האָט דאָס אַלץ אַזוי
געקענט פאַרגיין . . . פאַרגיין . . .

אין סוף פון טעג

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין פאָטער

א.

קום, און ווידער גיי דורך יענע ווייטע, יונגע זינגענדיקע טעג,
אין טעג מיט פאַלנדיקן בליי פון היינט, אויף דיין געמיט, —
וואו פרילינגדיק אַמאָל, מיט דער ליכטיקייט פון יונגן צוויט,
אויפגעגאַנגען פאַר אָפענע בית־מדרש פענצטער איז דיין ערשטער וועג.

די גאָלדיק־בלויע שויבן, טירן, וואָס האָבן רונדיקע געפירט
צום נאָענטן טייך, און צו ניט ווייטע סעדער — מיטן שטראָם אַרויף;
מיטן האַרציקן געזאַנג פון „הא־תניא״ געפירט אָפט האָבן ביז צום אין־סוף,
און פּירות פון סעדער אייביקע, זים דיין ליפּ האָט ווי געשפּירט . . .

נאָך־פּסח־טעג — די זוניקע, און ערשט אַזוי צעבליטע פונעם יאָר.
דאָס יונגע האַרץ ווי אַ בעכער מיט ווייַנען שוימיקע איבערפילט,
פון יונגן פרילינג, וואָס ווי מיט פליטן אַ פריידיקער שפּילט און שפּילט
אַריבער דיר, און ווייסט ניט — צי ס׳איז אין חלום, צי אין וואָר.

ס׳כישופן שעהן — ס׳זינגען סטענדערס, גמרות, אין אַרום,
און ס׳זינגען שוואַלבן, שפּערלינגען פון איבערן דאַך צו דיר אַריין. — — —
(וואו ביסטו איצט? — אָ, אינדזלדיק פאַרוואָרפן שטעטל מיין!
וואו מענטש און גאָט געוואוינט דורך דורות האָבן שטיל און פרום.)

פאַרנאַכט . . . און ס׳ציט אין לופט אַ בענקשאַפט, ניט דערקלערט,
אַזוי פאַרוואָס.
די זון שפּילט אָוונטיק אין פענצטער און אויפן קופּער פונעם כיור. —
די הויבסט זיך אויף, פאַרבויגסט אַ „בלאַט״ און לאָזט זיך אויף שפּאַציר,
צום ברעג פון סטאַוו, וואו ס׳לייכטן וואַסערן און טורעם־שפּיצן פון אַ שלאָס.

עם שימערן קופּאָלן. אַ הויף אַ בלומיקער דערביי אין רו זיך שפּרייט
און העלט.
ס׳ציטערט ליד . . . אַ ווייסער שוואַן שטיל שווימט־דורך גילדיקע
שטראָמען צוויי צענומען,
עס וויגט דער סטאַוו דעם שוואַן, דעם הויף, און בליענדיקע בלומען.
און דו פאַרוויגט, — דיר דאַכט: דו שטייסט ביים שוועל פון
אַ געהייליקט וועלט . . .

ב.

דער זומער גרינט און גאָלדיקט ליכטיק דורך דער וועלט. —
דו גייסט אין וועג — און ס׳זשומט אַ לויטערע די מאָרגן־שעה;
נאָר פון דעם גרינעם צווייג — דיין אויג דערזעט: אַ בלאַט זיך וויגט
פאַרגעלט,
און זעסט דעם סוף דעם האַרבסטיקן וואָס פאַרבאַהאַלטן איז שוין דאָ.

און איינגעהאַלטן ווערט דיין טראָט, און שטיל די אויפגעבליטע פרייד,
דיין לעבן — ווי דורך נעפּל אין רגעם פעדימדיק זיך שפּינט —
און נאָענט און קלאָר אַזוי דיר ווערט די קלוגע קהלת־רייד,
וואָס איז די פרייד? — אַ בליץ וואָס ביי זיין קומען באַלד פאַרשווינדט . . .

און וואָס פאַר דיר אין וואונדער אויפגעלויכטן האָט ניט לאַנג צעשטראַלט,
און ליכטיק ווי ס׳האָט געדאַכט — דיין וועג אַ גאָלדיקער זיך שפּרייט.
דו זעסט: דעם שאָטן־פּאַס וואָס ציט, און וואָלקנדיק באַפאַלט —
און ווי דיין טאָג — דיין חלום, אויפן הימל־ראַנד פאַרגייט.

און ניט דער אָוונט פרידלעכער קומט שטיל אויף אונזער ערד,
מיט ליכטיקע שטערן־נעצן, און זילבערט טרייסט, באַשייד;
ווי גאַרטלט דורך דער וועלט — דער בלוטיקער שאַרף פון שווערד!
און ס׳איז קיין רו פאַר דיר ביים סוף פון טאָג געגרייט . . .

אויף שטילער ערד, אַמאָל, ווי בלענדנדיק געזען האָסטו די וועלט אויפגיין,
מיט זוניקע נביא־רייד אויף וואונדערלעכע טעג, — וואו איז
די וועלט אַצינד?
דער חלום אויפגעשטראַלט — באַלד גענומען האָט אַזוי פאַרגיין,
און ס׳האָט גענאַרט אי דיך, און ס׳האָט גענאַרט דיין קינד.

ג.

ווי נאָכגעבליבן פינקלדיקער ווייַן אויף אַ יום־טובדיקן טיש, אין אָוונט־זון,
פאַרבליבן פון ווייטע גאָלדיקע טעג דיר איז — דער ציטערדיקער שיין:
פון דיין פאָטערס וועלט דער ליכטיקער — פון אַמאָל דאָס זיין,
און שפּרייט אַזוי הבדלהדיק דיר, אַ האַרביקן בשמימדיקן דופט אַרום . . .

דער שבת־קודש פון דיין לעבן — אַ פאַריאָגטער איז אַזוי אַוועק,
און רוּישיק פאַר דיין טיר צעליַיגט, איצט ציט — די אייביק־גרויע וואָך;
פון דיינע ווינקלען שטילע, די געהייליקטע — וואָס איז געבליבן נאָך?
און אין דיין אויג שוין לויערט פאַר דיין קינד די מאָרגנדיקע שרעק.

ס׳זילבערן טונקעלע די מנורות, די געאַרבעטע, פאַר דיר געהיט,
און ס׳שאָטענען די טורעם־שפּיצן, פון דורות דורך הויכן אויפגעשטעלט. —
אָ, זע! ווי ס׳פאַרגייט אַזוי אַרום דער יום־טוב, שבת פון דער וועלט,
און אומעטיק אין ווייט פאַרקלינגען און פאַרציען די שטראַלנדיקע טריט.

ווי נאָקעטער וואַלד אין האַרבסט — די בלעטער גאָלדיקע צעפאַלן — קיל,
דיין לעבן וואָכיקער — אין סוף פון דיינע טעג, איצט נעפּלט גרוי,
און וואו אַמאָל דיין וויג, דיין היים געליכטיקט האָט אַזוי,
פון ביימער־צווייגן, די „שבת־יום־טובדיקע אידן״ — הענגען שטיל . . .

און ס׳ציט אין דיר — גייט אויף אַזאַ קוואַליקייט אין טונקעלן אַליין,
ווי זמירותדיק געזאַנג, שטיל, פאַרנאַכט אין שבתדיקער שעה —

און ווײנט אויף דעם וואָס איז געווען, — געווען און איז ניטאָ,
און בעטסט: אַז אויסגעמישט מיט זיי זאָל ווען נאָך ווערן דײַן געבײן.

מיט די געהייליקטע און ליכטיקע דורך די דורות — אין בליענדיקער נויט,
וואָס זײַנען גלויביקע דורך צער געגאַנגען, ווי פון ניטדאָאיקן
פלאַם פאַרצערט.
און האָבן ווייטע זינגענדיקע וועלטן אייביקע, ווי געהערט —
און אינעם טאָל פון טויט געזען: ווי שטראַלנדיקער פליגל איבער זיי
זיך שפּרייט . . .

ד.

ווי ס'האָט אַמאָל אין שבתדיקער שעה, געפירט מיך מנוחהדיק דײַן
פאָטערלעכע האַנט,
אין שטילן גאָלדיקן פאַרנאַכט, ווען ס'האָט די זון גענומען שוין פאַרגיין —
פיר ווידער מיך — אויף יענעם וועג, וואו ס'ציט זיך פון מײַן לעבן
שוין דער אונטער-ראַנד, —
כאָטש אָפּגעמעקט איז דער „פה נקבר", שוין אויך אויף דײַן מצבה-שטיין . . .

נאָר לויטערער, מיט דעם גאַנג פון צײַט טראָגט פאַר מיר אָקעגן זיך
דײַן געשטאַלט,
און אומגעריכט, זינגט דורך אין לופט פאַר מײַן געהער, דײַן
תפילהדיקער קול,
(ווי וואונדערלעך פאַר דיר די אייביקייט — האָט אַזוי אמתדיק געשטראַלט.)
און כ'גיי מיט דיר, די שטילע, אויסדערוויילטע וועגן ווידער פון אַמאָל.

דאָרט שפּילן הימלען ליכטיקע, און וויקלען זיך אומענדלעכע, פאַרטרויט,
און גוט איעדער שפּאַן פון ערד זיך ציט באַרוט, און פרידלעך פאַר די טריט;
דאָרט האָבן דורות אין שאָטן פון שטאַמען אוראַלטע, ריזיקע, געגרויט,
און פייערן שטילע, געהייליקטע, דורך חושך-נעכט געהיט . . .

און דורכגעגאַנגען אַזאַ פאַרלענדונג איז דורך די רייען פון מיין דור,
און אויסגעשפּרייט אַ תהו, בראשיתדיק, האָט ווידער אין אַרום די וועלט —
איצט ציט, פאַרגייט, אַן אויסגעליידיקטער אַזוי, איעדער טאָג פון יאָר,
ווי אויסגעליידיקט פונעם דרעשערם האַנט, עס פאַלט דער זאַנג
פון גאַרב, אין פעלד.

און ס׳האָט געזוניקט אונזער לעבן. ווי אַ שייערפּול, שפּעדיק,
אַ גאָלדיקער געגליט,
געבענטשטע מי דורך דורות ליכטיקע, הייליק שווער געמערט. —
דער פונק פון בייז געפּאַלן — ווי אַ בליץ איז אין דער מיט,
און אָנגעצונדן אונזער שייער — אין פלאַם און רויך פאַרצערט . . .

און אימהדיק, פון אונזער זיין — הויבט ווידער זיך אָקעגן אַ זכר־וואַנט;
און זיינען אין דער וועלט פאַרבליבן אין אבלות, פאַרלוירן, — ווי אַליין.

— —

פיר ווידער מיך, — אויף יענעם וועג, וואו ס׳טונקלט איצט אַזוי מיין
אָוונט־ראַנד, —
כאָטש אָפּגעמעקט איז דער „פּה נקבר״ שוין אויך אויף דיין מצבה־שטיין.

ה.

דער חלום פון אַלטע טעג דורך יאָרן אין די אויגן אומגעטראָגן.
און ערגעץ וואו אין ווייט די וועלט — אַ ליכטיקע איז געלעגן;
ווי קלאָר אַזוי געשפּרייט זיך האָבן לויטערע די וועגן —
אָ, טעג פאַרגאַנגענע, וואָס גייען אָבלדיק דיר נאָך אין קלאָגן . . .

דורך פייערן — און איבער ימים זיבן, דעם לעצטן פון דיין שטאָם פאַרטריבן.
און פון דיין אַלטער היים — דעם אַש, די ווינטן איצט צעהויבן, —
דאָך פלאַטערט, טראָגט זיך דיין געדאַנק אַרום די גרויע שטויבן,
ווי ס׳פלאַטערט נאָך אַ שטורעם — אַ פויגל פאַר זיין חרובן נעסט, פאַרבליבן.

ס׳קלינגען שטימען דיר, — ניגונים נאָענטע, תפילהדיק זיך ציען;
ס׳זוניקן געשטאַלטן אויף, און ליכטיקן כישופדיק — ווידער אין די טירן,
אַ גאָלדן תורה־קול פון פענצטער — נעמט דאָרט אַרום דיך פירן, פירן,
און זעסט דיין שטאָט דעם וואונדערלעכן ווידער ווי אַמאָל אין בליען . . .

און זעסט פאַר דיר — די טעג געבענטשטע, פון דיין יוגנט, ווי זיי קומען;
ס׳ציט וואָך — און אין דער מיט נעמט יום־טוב פריידיקער זיך שפינען,
(ווי זינגט און זינגט דאָס צימרינג־שטויסן אַזוי זיס נאָך אין דיין זינען.)
און ס׳גייען מיט דעם אָוונט אויף, די יום־טוב־ליכט — ווי פעלדער רויט
מיט בלומען.

ס׳לייכטן מנורות . . . ס׳בליצן שפיגללאָמפּן דורך שולן, קלויזן —
דורכגעהאַנגען.
ס׳וויגן עדות זיך אין תפילות, — ווי אין וועלטן ערגעץ שטייגנדיקע,
פאַרלאָרן;
אַט שאַרט דיין פאָטערס האַנט אַפיר — דעם זיידענעם פרוכת פונעם אָרון,
און ס׳זילבערן איבער דיר באַרוישט, די כתר־תורה ציטערדיקע קלאַנגען...

אַ, ליכטיקער מיראַזש — ניט פלי! און וויג, פאַרוויג דעם זילבערדיקן
קאָפּ אין גלויבן:
ניט אַלץ, ניט אַלץ פון יענע טעג, דאָס פייער האָט פאַרלענדט.
און ווי דער פעניקס־פויגל אין וואונדער, פלאַטערט־אויף פון פלאַמען —
ניט פאַרברענט,
דיין חרוב וועלט, אויך פון איר אַש וועט זיך נאָך שטראַלנדיק דערהויבן.

ז.

אַ וועג — דורך באַרגיק לאַנד, אַ וועג אַ האַרבסטיקער, אין בלעטער,
פאַרנאַכטיק זון, דער האָריזאָנט — אַ פלאַמענדיקער שייטער. —
אַט דאָ אין גאַנג, די וועלט גייט מיט אין רו פון אַלטע געטער,
אויף אַט דעם וועג, מיין שווער געמיט, לייטער זיך און לייטער . . .

דערקען, און ווי אַמאָל — פאַרנעם דעם וואונדער אין אַרום פאַרשפּונען
מיט יעדן ריר פון טראָט, דורך רויטע פעדימדיקע גראָזן;
דאָ האָט געבליט, געקריפּט, געברווינט אין שפּילענדיקע זונען
דורך שטילע זומערדיקע טעג, און איצט — אין פריד און גאָלד געלאָזן.

דאָס איז די וועלט, און פון דער ערד דאָס אייביקע געזאַנג פון לעבן!
— די בייז פון מענטש? — אָט זע ווי ס'קומט פון ווייט דיר עמיץ אָן אַקעגן,
אין זיינע אויגן — דאָס ליכט פון פעלד — פון הימלען זוניקע געגעבן,
ווי האַרציק זיין באַגריסונג פאַר דעם פרעמדן אויף די וועגן . . .

דאָ זינגען נאָך אין רחבות שטיל, די גאָלדיק־לויפנדיקע מיילן,
ס'קלינגט אורוואַלד, און דאָס געשריי פון אויערהאָן דורך די ווייטן, —
ס'גייען נייע טעג — נאָר ווי דורך דורות טורעמדיקע זיילן,
צעשטראַלטע שטייען נאָך אין רו — פון אורבאַשאַף די צייטן.

דאָס איז די וועלט, וואו ס'האָט אַ זון זיין פאָטערס שטיל געצעלט
פאַרלאָזט, פאַרלוירן
די וועלט פון סעדער ווייניקע, און פעלדער, — שפּעדיק פאַרנומען. —
נאָר וואַנדערנדיק, — ווי אַ שטראַל אַ ליכטיקער, טיף אין זיין זכרון
אים האָט געפירט, געפירט, און פאַר זיין פאָטער שוועל אַ מידער אָנגעקומען.

ער זעט: דאָס לעצטע ליכט פון גאָלד אין טעג פון האַרבסט פאַרגייען,
ס'ציען פייגל־שורות ווייט, און פליען צום האָריזאָנט פון דרום.
דער אָוונט טונקלט . . . און וואו איצט קאַלט די שפּעטע ווינטן ווייען,
אים גריסט זיין פאָטערס אַלט געצעלט, און זיין אויסגעשפּרייטער אָרעם.

ז.

ערשטע לידער — געזאַנג פון „נייער צייט”, וואָס איז צו דיר דערגאַנגען,
ערשטע וויינען פרעמדע, וואָס ס'האָט ציטערדיק דיין יונגע ליפּ באַרירט. —
ווי האָט דער כישוף דיך אַזוי קינדיש אין זיין גאָלדן רינג געפאַנגען,
און דורך די יאָרן — אויף די וועגן, לאַנג, אַ גלויביקן געפירט . . .

נייע צייט — נייע טעג, אָנזאָג לכּטיקער, אין אָרום געפֿאַלן:
„וועלט-באַפרייאונג״ — טריט געאַנטע שוין, פון דער ווייט זיך הערן —
און ס׳קלינגט דורך יונגן וואַלד דער עכאָ — ווי פון האָרן-שאַלן,
און איבער טייכן נאַכטיקע, צעשווימנדיקע כּאָרן — „מיר שווערן״.

און ס׳נידערן הימלען לויטערע, אַריבער שטראַלנדיקע אויגן.
פרייד פון אויפקום. טעג געבענטשטע, סוד פון גליק אין פיינען —
און זעסט: אַריבער מבול בלוטיקן — פאַרביק-הענגענדיקן רעגנבויגן,
און ווי דורך חושך — ליכטער וואונדערלעכע, אין די ווייטן שיינען . . .

ס׳כוואַליען פאָנען. — פלאַטערן דורך מחנות דורכגענומען,
ס׳ציען רייען — גיסן זיך ווי פרילינג-שטראָמען, אַריבער אַלע ברעגן —
און ס׳דאַכט: דיין חלום פון דער וועלט, דער ברידערלעכער, איז געקומען.
און גייסט דעם „גאולה-וועג״ דעם נייעם, אַ פריידיקער, אַקעגן.

אָ, טעג פון יוגנט! ס׳לויכט די וועלט אָרום מיט שטראַלנדיקן גלויבן.
דו גייסט — און ס׳זינגט אַ קוואַליקער אין דיר — אַן אַלטער „חדר״-ניגון:
און קומען וועלן יענע טעג — און גאָטס באַשאַף דערהויבן
וועט פרידן לויטערער . . . און פאָלק אויף פאָלק וועט מער ניט קריגן.

דער ניגון — אין גאַז-קאַמערן, פאַרשטומט, געבליבן זיינען יענע קלאַנגען.
„דיין ברודער״ — איעדן שוועל מיט ווערעם בלוט דיינס האָט באַצירט — — —
— —

ווי האָט דער כּישוף — „נייע צייט״ אַמאָל דיך אין זיין גאָלדן רינג
געפֿאַנגען,
און דורך די יאָרן אויף די וועגן, לאַנג אַזוי אַ גלויביקן געפֿירט . . .

ח.

געבענטשטע שעה. געבענטשטער ברעג, אין סוף פון טעג דערפירט,
דער דערנער־וועג שוין הינטער דיר אין לעצטע שקיעה־שטראַלן. —
און נאָענט דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, און רו דיין יעדער גליד דערשפירט,
דאָס לאַנגע בלענדעניש פון אויג נעמט לאַנגזאַם פאַלן, פאַלן . . .

ווער האָט געפירט דיין טאָג, און ווער פון נאַכט די שעהן?
די איילנדיקע טריט, אַזוי געיאָגט דורך גאַס פאַרלוירן?
אַ פרעמדע ערד, אַ פרעמדער הימל, געשפּילט האָט דורך די וויטע בלאָען.
אָ, אומרו! ירושה פון אַ וועלט — מיט שווערד אין האַנט געבוירן.

און נאָכגעגאַנגען איז דיין האַרץ דעם בלענד פון וויטע שיינען,
און ס'האָבן דיין געמיט געדרענגט די פאַלשע געטער־הויכן.
ניט פון דיין טיש בארוישט דיך האָבן די שוימענדיקע ווייַנען, —
און ניט באַנומען פון די ווענט אַרום, אין פייערשריפט דעם צייכן . . .

איצט נעמט ניילאַנד, אין וועג פון שאָטנדיקן טיף זיך שיילן,
און אויפגעגאַנגען שקיעה־ליכט נעמט אָוונטדיק דערגליען. —
און וואָס געוועזן פאַרשטעלט, און וואָס געוועזן פאַרהוילן
נעמט קלאָרער, לויטערער, פון אייביקייט אין אייביקייט זיך ציען.

און ווי דיין טראָט וואָלט איצט פון בערג די הויכקייטן באַשטיגן,
און שטייסט אַזוי פאַרגאַפט — מיט בוים און פעלז, אין אָוונט שטילן;
דיין אויג, וואָס זעט אַרום דעם טאָל אין נאַכטיקייט שוין ליגן,
זעט אויך אַ וואונדערלעכע זון, אַריבער וועלט נאָך וויטער שפּילן.

אין גאַנג פון דורות

אַזוי זיינען מיר געגאַנגען,
דעם וועג פון דער גאַלגאַטע.
געבייטשטע דורך די דורות
מיט בלוטנדיקע טריט.
און אין דער ווייט געזען:
דעם ווינשטאָק בליען
און דעם ווייסן מאַנדל־צווייט,
פון מדבר־זאַמדן,
און אַ האַנט אַ ברידערלעכע
אַקעגן אין חרטה . . .

און פון די קופּער־רויטע הימלען,
אַריבער אונזער שטעג, געפאַלן
איז קילער דינער טוי,
און קוואַלנדיקער רעגן.
און גיך פאַרוואַשן יעדן שפּור
דעם בלוטיקן פון די וועגן.
און ווי נאָך מבול — אַ ליכטיקער —
דער רעגנבויגן־צייכן
אויף האָריזאָנטן — פאַרביק
האָט גענומען זיך צעשטראַלן.

און ס׳האָט געדענקט דאָס בלוט
און אויפגעבליט דורך ווייטן —
אין אויפגעגאַנגענע חלומות:
ווי דעם נביאס רייד —
פון טעג — אין וואונדערלעכן קומען,

ווען ס׳וועט קוואַליק־רייַן
די ערד — אַ געלייטערטע
פון ברעג צו ברעג זייַן דורכגענומען.
און ווי דורך דעם רוים,
פאַרמעקט דאָס שלעכטס פאַר אַלע צייַטן...

און זע די ערד! — דאָס בייז אַזוי,
אַריבער אַלע ברעגן.
און ווי אַ בעכער איבערפילט
אַ בלוטיקן, אויפגעהויבן —
ווידער צו דייַן ליפּ
דיר ווערט געבראַכט אַקעגן.
דער וועג פון דער גאַלגאַטע — ציט און ציט,
און מיר אויף אים — געבויגן.
— און פון אַ יעדן אַקער־אייַזן
ווערט שווערד און שפּיז געשמידט.

מיר וועלן נאָך צוזאַמען גיין . . .

מיר וועלן נאָך צוזאַמען גיין
די שטילע גאַסן,
ביי דער ענד פון שטאָט.
די אָפּגעלייגטע וועגן
אין פאַרנאַכטן וואונדערלעכע
ווי אַמאָל . . .
כאָטש קלאָר איז מיר
און איך ווייס —
אַז אומגעשטערט
וועט בלייבן שוין דיין רו;
דאָך לאַנג
אין מיין גאַנג
דעם אָוונטדיקן, נאָענט
וועט קלינגען מיר
ביי מיין זייט דיין קול . . .

דיין קול, די שטילע רייד . . .
דעם זוכנדיקן אייביקן באַשייד
פון וועלט,
פון נידעריקן גראָז
און בליענדיקן בוים.
די אויגן דיינע,
שטראַליקע און פייכט,
פון אויפגעדעקטער שיינקייט
אין אַרום,
וואָס לייגט זיך מיט דיין וואָרט
ווי בייט נאָך בייט
אויפגעאַקערט פריש אין רוים . . .

און ס׳איז דיין ציטערדיקער טאָן,
פֿאַרבליבן אויף די וועגן
פֿאַר מיין געהער
ווי אַ געזאַנג . . .
ווי ניט פון אונזער צייט —
פון אַ האַרפּסיקאָרד — געשפּילט.
און כ׳זע:
אַ ווייטע לאַנד,
אַ פרעמדע פאָן,
און אָוונט
פֿאַר ברענענדיקן ווייסן ליכט,
חלב טריפּענדיק,
און שטיל,
רונד אַרום האָרכנדיק
געבויגן — קעפּ . . .
און פון דערמיט —
איך הער — דיין קול
און זע — דיין אומעטיק געזיכט.

און איך וועל הערן דיך,
הערן שטיל אַליין, —
דאָ אויף מיין וועג
אין אָוונטדיקן גאַנג:
אין רויש פון צווייגן
בלעטערדיקע, אינעם ווינט,
אין קלאַנג
פון פייגל איינזאַמע,
ביים טאָג פאַרגאַנג . . .
דו! — וואָס ווי פון הויכן —

האָסט אין אָרום
אַ וועלט אַ לויטערער געזעץ,
אין זוניקן באַגינען,
פֿאַר אונזער דור,
קלאָרער, ליכטיקער
ווי אומבאַרירט געפֿאַלן שניי,
און ווי גענאַרט
זיי האָבן דיך אַזוי . . .

מיר וועלן נאָך צוזאַמען גיין,
די שטילע גאַסן,
ביי דער ענד פֿון שטאָט.
אין גאָלדיקע פֿאַרנאַכטן,
אין רייד אין שטילע
ווי אַמאָל . . .
כאָטש קלאָר איז מיר
און איך ווייס —
אַז גרין שוין שפּראָצט דאָס גראָז
אַריבער דעם פֿעלד — דיין רו.
דאָך לאַנג,
אין מיין גאַנג
דעם אָוונטדיקן, נאָענט
וועט קלינגען מיר
ביי מיין זייט דיין קול . . .

אין דיין לאַנד . . .

(אַ בריוו)

אין דיין לאַנד,
וואו ניט דערגרייכט האָט נאָך די האַנט פון דעם וואַנדאַל
און ס׳גייט אַ רואיקער דיין געדאַנק
ביים טאָג-פאַרגאַנג,
דעם וועג פון לעצטן זון-שטראַל
אויף שויבן, דאַך און ערד, —
און רואיק — דיין בליק פאַרקלערט,
קוקט נאָך דעם שאָטנדיקן אָנקום
און ווי נאַכט דאָרט טונקלט שטיל . . .
צי האָסטו ווען געזען: אַ בליענדיקן בוים אין רויט,
אין פלאַמען איינגעהילט ?
אַ תבואה-פעלד אין שוואַרץ;
קרייזלענדיק אין בלויער ווייט —
פון מענטשנס האַנט אין רויך פאַרצערט ?

דורך טעג, מיט ביקס געלאָדענער, אין פעלד
ביים אַקערס זייט, — טריט אין טריט,
אַ רואיקער, דיין חבר גייט
דעם וועג פון אַקער-שניט.
נאָר נאַכט — פון גליל׳ס הימלען — די לויטערסטע,
ניט מינערן וויל דעם שרעק,
וואָס טיף, געהיים פאַרנעמט:
פאַר פעלד און בוים, דורך שעהן אימהדיקע,
ווי קינד און לאַם
געלאָזן ערגעץ ווייט אַהינטער ווענט.

און אין דער נאַכט:
דאָרט לויערט ניט פון וויסטן הייל — דער לייב אַליין,
און ניט דער וואָלף — אין געוואָיקען פאַרגיין,
וואָס אין זיין הונגער-שעה —
גאַרט נאָך פלייש און גאַרט נאָך בלוט,
און זעטיקט זיך, — און בלייבט דאַן שטיל — און רוט.
דאָרט גנבעט זיך אין שאָטנדיקן וועג
מיט שטילע טריט, דער מענטש און זעט,
מיט אויגן ···· סם און שפּיז,
זיין שכנס מי, זיין פּרוכט און ברויט
אין פאַקלען פלאַמיקע — אין פייער זאָל פאַרגיין.
און רויט — — —
דעם הימלס האָריזאָנט זאָל ליכטיקן,
און שפּילן לאַנג
אַ בלוטיקער, דורך נאַכטיקער שעה.
און אָנזאָגן דער וועלט אַרום אַזוי
אין גלאָקן-קלאַנג: — — —
אַן ערגערער פון קין-מענטש
איז אויפגעשטאַנען — און איז דאָ! . . .

דאָס זיינען די טעג . . .

דאָס זיינען די טעג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט —
די טעג פון דורות אויסגעחלומטע — און געוואַרטע . . .
טעג פון לופטשיפן און ראַדיאָ —
(פון שיפן, שווימענדיקע איבער שפּילעוודיקע וואָלקנס
און דורך די גרונטן פון די ימים), —
טעג פון אומענדלעכן שטייגן — — —
און אין דערמיט —
פון מענטש דער חיהשער געבריל,
דאָס קול און רוף פון אור-וואַלד טיפן,
פון ווילדן, ניט-געצוימטן בלוט,
וואָס שלאָגט ווי קוואַל אַזוי — און רינט
דורך אָדערן געהיימע, שטיל, —
און פּלוצלונג, אויף זיין וועג,
אין אויפגעריסן פלאַם אַרום זיך צינדט . . .

אָ, עלטער, עלטער-זיידע, מענטש!
איך האָב פאַרנומען איצט
און דערהערט דיין פאַרשטילט געבריל:
פון די אור-ווייטע, ווילדע טיפענישן,
די וואַלדיקע, טונקעלע, פאַרצווייגטע —
איבער הענט — פאַראויסגעשטרעקטע —
וואַלד-געדיכטע פאַנען אין אַרום.
און טראָגט זיך דורך דער וועלט אַזוי
אין אימהדיקן אויפגיין
איבער גאַסן יובלענדיקע, אינעם נייעם רוים.
— — — — — — — — — — — — — — — —
און אויף זיין פידל, — איבער פלאַמען,

שפּילט ווידער נעראַ איצט און שפּילט . . .
און ס׳גייען שטעט און פעלדער אויף
אין פאַרצערנדיקן — רויך־און־פלאַם —, —
דער זאַנג, דער גאָלדענער ,און בוים,
און רינד ווי שאָף, און קינד ווי לאַם . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָ, בלוטיקער געהיימער קוואַל פון אור־מענטש!
אויפגעשלאָגן אין די טעג פון אונזער צייט! . . .

טעג אין קריג

I

דאָרט אַריבער די פעלדער וואו עס דונערט דער קאַנאָן:
דער פרילינג שפרייט ווי דאָ אין בעז — זיין בלויע פאָן.

און סעדער באַרגיקע, אין ליכטיק־ווייסן צוויט
בויגן זיך, וואו שוואַרץ דער שונא ציט און ציט . . .

זאַנגיק־אויפגעגאַנגענע טעג, גרייט פאַר שפע, גליק,
נאָר פון זיין נעסט אין שרעק דער פויגל יאָגט צוריק.

און איבער וועג און שטעג, — מענטש און פאַק, און רינד,
ווי דורך צעבראָכן דאַמב, אַ טייך, צעיאָגט, — פאַררינט.

און וואו אין לופט דער שוואַלב האָט פרייד אַראָפגעשפרייט,
פון דער הויך אַרום, — זייען מאָטאָר־פליגל — טויט . . .

און וואו פאַר טיר און שוועל — האָט ליד צו דיר דערגרייכט, —
איבער היים און לייב — זייל פון פלאַם און רויך . . .

אַ, בשורות פון דער ווייט! — דורך טעג אין גאַלד אַזוי,
און ווי דורך רויך און פלאַם, — איך גיי און גיי.

II

זיי זיינען אין גרויען מאָרגן־ליכט אַוועק
מיט ביקס און בלאַנקן שווערד.
און בלוטיק האָט אין גרויען ליכט
געפאַרבן זיך די ערד.

זיי זיינען מיט שטילן געזאַנג אַוועק.
שטיל האָבן אויגן געטרערט —
זיי זיינען אין גרויען ווייט אַוועק
און האָבן צוריק ניט געקערט . . .

III

און אַז די צייט פון שניט וועט קומען.
אָ, ווער וועט די תבואה פאַרנעמען?
— די האַרבסטיקע ווינטן, די אייז־קאַלטע ווינטן,
זיי וועלן די תבואה פאַרנעמען.

און אַז פון בוים וועלן צייטיק ווערן
די פרוכטן, אָ, ווער וועט זיי קלייבן?
— די גאָלדיקע פרוכטן, די צייטיקע פרוכטן
זיי וועלן דאָרט פוילן פאַרבלייבן . . .

און אַז ס'וועלן שפּעטער דורות דיר פרעגן,
וואָס וועסטו זיי, קינד, דען זאָגן?
— אַ העלישער האָגל, אַ בראַנדיקער האָגל,
דעם מענטש און די וועלט האָט דערשלאָגן.

בשורות

די צייט גיסט סם דורך אַלע מיינע גלידער,
די צייט — מיט איוב-בשורות פון דער גאַנצער וועלט.
און ווי נאָר טאָג, ווי ראָבן קומען זיי פאַרשטעלט
און זעצן זיך פאַר שוועלן אונזערע אַנידער...

אין בלויען פענצטער-גלאָז דער מאָרגן שטיל באַגינט, —
אין ווייטן הימל-פּאַס דער ערשטער שטערן-רינג פאַרבלייכט.
און איבער ראַדיאָ, שוין האָט צו אונז דערגרייכט
דער אָנזאָג פון נייעם פלאַם — וואו ערגיץ זיך צעצינדט.

און מאָרגן-זון אַרום, אין שטראַלנדיקן רויט,
ווי פייער פאַרנעמט דיין אייגן טיר און שוועל,
ווי איבער ים — דיין ברודערס שטוב און גאָרטן, העל
דורך אַט דער שעה, אין בלוט און פלאַם פאַרגייט...

דער טאָג גיסט גאָלד דורך גאַס פאַר יעדן טריט,
אין לופט די לויטערקייט פון טרויבן — זון און ווייַן.
און איבער דיר די בשורות נייע, — פרישער פּיין,
ווי דערנער-קרוינען הענגען, רויט צעבליט.

וועגן אין דער לופט

נעכט פון אומרו, אין אַ פענצטער
פלעמלט שפעטער, שטילער שיין.
ווי אַ וואָלקן־פּאַס אַ גרויער
ציט אין זינען: „זיין? ניט זיין”?!

איבער וועלט אַזוי פאַרלוירן,
האָט זיך אור־מענטש אומגעקערט.
אָנגעצויגן אין דער טונקל —
מיין אַנטענאַ הערט און הערט:

אין דער נאַכט אַריבער דעכער
האָגלט דער גראַנאַט צעגליט.
און דער טויט פון מאָטאָר־פליגל
צינדט ראַקעטן — און פאַרפליט...

אויפגעשריי — פאַרלוירן, קולות,
קינדיש־ציטערדיק געוויין —
און אַ זינגען פון גיטאַרעס,
און קלאַווישן, אין פאַרגיין.

וועגן אין דער לופט זיך קרייצן,
וועגן — אימהדיק און טיף;
ווי עס שרייט געהיים דורך נעבל
אין געפאַר — פון ים אַ שיף...

רויש פון מאָטאָרס... טויזנט טויטן
ווידער האָט דער מענטש פאַרזייט ———
און אין בלוי מיט נאַכטיגאַלן
זילבערט ווייט די נאַכט געשפּרייט.

איך האָב היינט געזען . . .

(פון אַ בריוו)

איך האָב היינט געזען:
ווי צאַרטער גרין באַדעקט האָט פרילינגדיק
אַ בית־עולם פעלד,
און געלע בלימעלעך אין אַ רינג
אַרומגענומען האָבן — אַ מצבה־שטיין.
ווי קינדער אין אַ שפּיל;
פאַר וועמען פרעמד אַזוי
איז צער פון וועלט,
ווען גאָלדיק שפּילט די זון אַרום
און שפּיגלט אין אַלע פענצטער אַזוי שיין . . .

ס׳איז מאַי . . .
און שיין גייט אויף פון פעלד
דאָס יונג־צעשפּרייטע גראָז,
עס בליט דער ווייסער דאָוג־וואָוד,
און דער פּורפּול־ריחותדיקער בעז.
ווי יאָר נאָך יאָר —
אין צייט פון פרידן,
ווי אין צייט פון קריג.
דער טאָג אין ליכטיקייט פאַרגייט —
און ס׳לייכט אויף
אַ יעדער שטערן, אויף זיין וועג.

נאָר די, פאַר וועמעס טיר
דער קריג האָט אויסגעשפּרייט
זיין בלוטיקע קלייד, —

אריבער זייער איינזאם שוועל —
ניט קומען וועט די פרילינגדיקע פרייד,
און טריפן וועט דער טרויער זיי
ווי רעגן הארבסטיקער,
טראפ נאך טראפ,
און לויערן פון די ווינקלען טיפע —
אריבער אלע שאטנדיקע ווענט אראפ . . .

און דורך די לאנגזאם-גייענדיקע טעג,
און נעכט — אין טונקעלן אליין —
וואנדערן, דורך לענדער ווייטע,
איינדזלען טראפישע, —
וועט זייער געדאנק צעהעלט.
און שפירן:
ווי ווארעם, די האנט אין לופט, —
דארט עמיצן בארירט . . .
נאר דורך דעם גוף —
ווי דורך חורבה-ווענט,
ציען שארף אזוי — וועט אייביק שוין
די אייזיקע ווינטער-קעלט.

פון די בערג

זיין וועלט — אַ לייוונט ווייס געצעלט,
אין טאָל אין איינזאַמען, צווישןביימער צוויי.
און איבער זיי
אַ הימל ווי ים — אין בלוי,
וואו וואָלקנס ווי מעוועס ליכטיקע
מיט פליגל ריזיקע צעשפרייט —
אַריבער זעגלען, ווייס און גרוי,
ציען אויף און אָפּ
דורך שטילע שווימענדיקע טעג,
פון לאַנד צו לאַנד,
נאָך טורעמדיקע האָפנס
און אינדזלען שטראַלענדיקע אין די ווייטן,
גאָלדיקע, אַזוי
באַקאַנט און אומבאַקאַנט . . .

זיין וועג, — פון וואַלד דער איינזאַמער ברעג,
פון גאַר דער וועלט — דער ווינקל־אָרט,
זיין לעצטער האָפן
און זיין לעצטער פּאָרט . . .

און אין דער בלויער אָוונטדיקער שעה,
ווען ס׳זינגט די געגנט אויף
אין ציטערדיקן אומעטיקן געזאַנג,
פון פויגל און פון גריל,
און טונקעלע נאַכט ווי טונקל וואַסער שטיל
פון נאָענטע כוואַליעדיקע בערג —
פאַרפלייצט אַרום, און רינט ;

פאַר אויפגעלייגטן פייער
און בלויען דינעם רויך — אין גאַנג,
ציט אויפגעשפּיזלט זיין געדאַנק
און שפּינט אַזוי און שפּינט:

אַן אַנדער צייט, און אָרט, און וועלט. —
ער זעט זיין לעבן — ווי דורך רוימען,
שטראַלענדיק, צעהעלט,
און דורך די יאָרן,
אַריבער לענדער בלוטיקע פאַרלוירן,
ווי אויף טאַבונען ווילדע גאַלאָפּירט.
און מיד אַזוי אין לעצטע טעג
זיין גוף — זיין שטורעם־שיף דערפירט
צום לעצטן האַפן און לעצטן פּאָרט.
און פאַרבליבן,
ווי אויסגעשפּיגן פון די שוימען —
אַ שפּענדל אינעם וועג.
פאַרוואָרפן ערגעץ פון די ימים
אויף איינזאַם לאַנד און ברעג . . .

אינדזלען

וואו זיינען די שטילע ימען פון אונזערע טעג?
די גאָלדיקע פּאַלמען-אינדזלען
דורך די ליכטיקע וואַסער-וועגן,
וואו ס'האָבן וואַנדערער מידע
פון דער וועלט דער בייזער —
פאַר די ברעגן
שטיל פאַראַנקערט שיפן,
און מיט די פייגל פאַרביקע,
פלאַפּלענדיקע פאַפּוגייען —
אין די גרינע שאָטנדיקע טיפן;
פאַר די יאָרן איינזאַמע
אָפּגעשיידטע,
רואיק אויפגעפלאַכטן
זייער בלעטער-היים, געצעלט . . .

אָ, ווי פאַרגאַנגען זיינען
יענע לעצטע ווינקלען!
אין דער קריג פאַרצערטער וועלט . . .

דורך מידע טעג,
און נעכט אויף דעם געלעגער
וואָך — אָן רו,
ווי האָב איך זיי געזען:
די אינדזלען גאָלדיקע דורך די צייטן,
ווי שטערן ליכטיקע אויסגעזייטע
דורך די וייטן
פון די בלויע וואַסער-טיפן . . .

און מיט די טריט פון ראָבינזאָן קרוזאָ:
געוואַנדערט —
דורך יענע פּאַלמענדיקע וועגן,
די פרידלעכע, שטילע,
ווי אין אור-באַשאַף פאַרבליבן;
פאַר די רויזע,
דורך די לענדער
און ימען אומגעטריבן.
און ווי ליכט-טורעמס — דורך חושך
אָקעגן זיי געהעלט...

און ווי פאַרגאַנגען זיינען זיי אַצינד!
אין דער קריג פאַרצערטער וועלט.

אין בלויען שיין

אין שווערע טעג און נעכט באַלאָדענע אַזוי פון פיין,
די הימלען אייביקע דערציילן — וואונדער פון אונזער זיין.

וואונדער דורך די דורות — ווי שטערן־שניר אין גאַנג ;
וואָס ציען דורך די רוימען אין אייביקן געזאַנג . . .

און פאַלט דיין בליק פאַרלוירן, דורך דער וועלט אַזוי,
שטראַלט פון טיפע הויכן וואַרעם־באַלזאַמדיקער בלוי.

ווי אויף חרנס פעלדער ,נאַכטיק־שטיל זיך שפּרייט
ליכטיק גנאָד אַרונטער, — און דיין וועג באַגלייט . . .

און דיין האַנט אַרום — נאָענט, יענע האַנט דערשפּירט,
וואָס דורך וועלט אונז אייביק, ווי די שטערן פירט.

דורך די פּאַרנעפּלטע ווייטן . .

דורך די פּאַרנעפּלטע ווייטן,
לייכטן דיינע טורעם־שפּיצן מיר אַנטקעגן:
היימלאַנד — לאַנד ישראל —
וואונדערלעכע דורך די צייטן,
אין אבלות־טעג — דערהויבן
פון די דורותדיקע שטויבן.
און ס'וואַנדערט מיין געדאַנק צו דיינע ברעגן,
מיט די שיפן וואָגלענדיקע
דורך די ימים, —
און גייט אַריבער דיינע זינגנדיקע וועגן,
מיט די טריט פון דעם מבשר —
דורך אויפגעגאַנגענע פלאַמען . . .
מיין גאָלדן בעכער — פרייד,
דיר שפּילט אין לויטערקייט, געהויבן;
אָ, בייזע וועלט!
נויג־אָפּ דיין האַנט,
מיין בעכער־פרייד — ניט סמען.

אַ שיף

כ׳האָב דעם נס פון אונזערע טעג די גרויליקע געזען,
דעם נס פון דורות פלוצלינג פלאַטערן פאַר די אויגן:
אין גאָלדיקן פאַרנאַכט — צו שטייגנדיקע ברעגן פון ניו־יאָרק
אַ שיף האָט לאַנגזאַם פון דער ווייט דורך וואַסערן זוניקע געצויגן.

און פון דער הויך פון שיף — אַ פאָן אין ווייס און בלוי
געפלאַטערט האָט אין לופט ווי פריידיק צו די ברעגן,
וואָס האָבן דאָרט אַרום ווי אין אַלע טעג פון יאָר
געזשומעט אַזוי פאַרטאָן דורך וואָכעדיקע וועגן . . .

נאָר דורך מיין בלוט געשפּילט האָט פּליים און האַרף,
געשפּילט. און ווי געוויגט אַרום דעם ברעג וואו כ׳בין געשטאַנען —
און ס׳האָט די אָוונט־זון פאַראויס איר גאָלד־מנורות ליכטיקע געהויבן
פאַר שיף־און־פאָן — ישראלס גרוס — אַריבער לענדער, ימען.

אַרום — דער אויפגאַנג פון ניו־יאָרק אין רויש זיך האָט געטראָגן. —
און פאַר די אויגן מיר — דורך נעפּלען דינע, שטיל, האַלב־וואָך . . .
אַ ווינט געבלעטערט האָט ווי פּאַרמעט און געפירט, געפירט
אויף שיפן, זעגלענדיק דורך האַפנס — פון תרשיש, צידון, פון תנ״ך . . .

געפלאַטערט האָט די שיף — געגריסט, זיך שניידנדיק אין שטראָם.
און מיט דעם מערבֿם לעצטן זון־פלעק אין דער ווייט פאַרשוואונדן.
און כ׳האָב אין שטערן־ליכט געבענטשט דאָרט שטיל דער שעה,
דעם טאָג, וואָס כ׳האָב פאַר דורות איצט אָט דעם גרוס פאַרנומען.

ווען געקומען זיינען זיי צוריק . . .

ווען געקומען זיינען זיי צוריק,
די לייבן יונגע פון מיין שטאם —
אין העלדן־קריג,
פון עזה־פאס, און פון אקאבא,
ארום דעם רויטן ים
און זיינע ברעגן ;
בין איך אין מיין געדאנק,
פון ווייטן לאנד —
ארויסגעקומען זיי אקעגן.
און אין ארום
פאר זייערע טריט,
דארט בלומען ליכטיקע געשפרייט ;
געבויגן זיך פאר זיי שטום,
מיט שטילן טרער — און פרייד,
געוואשן פון זייערע מידע פים
דעם מדבר־שטויב ;
געבעטן פאר יעדנס וואונד
נאך נישט פארהיילט,
און אויפגעציטערט :
פאר יעדן נאמען — אנגערופן !
און וואס פארבליבן איז ניט געענטפערט.
אין צוריקקום, צו דער מחנה —
נישט געציילט . . .

נאר לאנג — דערנאך אזוי,
ווי פון כנור, און פון פלייט געפירט —
באגלייט האב איך איעדן

פאַר זיין פעלד און טיר.
און דערגרויסט — געשפּירט:
ווי אויך מיר — — —
אַריבער די ימען ווייטע —
פון אַרום דער וועלט — אין שנאה, קריג, —
אויפגעהויבן האָבן זיי
אין זיג . . .

אשקלון

אָ, אשקלון! —
דורך דיינע נאַכט-בלויע
און יובלענדיקע פּלישתים-גאַסן;
וואו ס'האָט דער בלינדער שמשון,
הינטער לייכטנדיקע
פאַראויסגעטראָגענע שטורקאַצן,
געפּלאָנטערט אַ באַזיגטער
זיינע פּיס אין קייטן.
אָ, אשקלון, דו זיגערין!
וואו איז דיין זיג אַצינד? . . .

פאַרטראָגן האָט דער ווינט
דעם לעצטן שפּור
פון דיינע חורבה-טעמפּלען.
און איבער זייערע וועגן,
הויבט דור נאָך דור
דער קאַלך-שיכט
העכער זיך און העכער.
און ס'שלאָפט אין שטויב
דיין אַנטיקער וועלט —
צוזאַמען מיט דיין גאָט דגון.
אָ, זיגערין!
אַזוי פאַרגאַנגען
אין דיין ליכט . . .

מיין אידיש וואָרט . . .

איך וואָלט געוואָלט
אַזוי אַמאָל —
מיין אידיש וואָרט פאַרפרעמדטן,
מיין ליד פאַראיינזאַמטן
פאַרשעמטן,
פאַרזיגלען געהיים :
אויף פעלדער וויסטע — אין אַ טאָל
פון היילן טיפע,
ווי די פאַרמעטן — אין אוראַלטן אַמאָל —
אין קריגעלעך פון ליים . . .

און די וואָס קומען וועלן נאָך מיר —
אין דורות שפּעטע דאָרט,
געפינען זאָלן וואָגלער
אויף דעם געהיימען אָרט.
ווי יענע פאַסטוכער — די מגילות,
אַרום דעם ים־המלח — אַרויף
דורך די פעלדער נאָענטע, —
פאַרלוירענע מיט שאָף.

און אויפליכטיקן פון די טיפן,
פונעם דורותדיקן שטויב :
זאָל ווי געהיימער גאָלד אַרום
מיין אידיש —
וואונדערלעכער וואָרט פאַר זיי,
און וואָס פאַרבליבן איז דורך יאָרן
און פון מיין דור,
פאַרפרעמדט אַזוי
און שטום . . .

מיין שטערן

אונטער מיין שטערן,
מיין ווינקל — מיין וועלט;
אין ליכטיקע דורות
אָוונט־בלוי העלט . . .

אין ליכטיקע רינגען
און שטראַליקער קייט, —
דורך פלאַמיקע רוימען
מיין שטערן־ליכט גייט.
איין גאָלדיקער בויגן —
וועלט־איין און וועלט־אויס,
דורך מילך־וועגן — תהומען
אריין און ארויס . . .

ווייסע וועגן . . .

ווייסע וועגן — דורך די נעכט.
איבערן קאָפּ די שטערן בלויע פלאַמען,
ווי בלויער ספּירט געצונדן
אין אומענדלעכקייט ;
פאַרכישופט ווי אַ נאַכט־וואַנדלער דיך צו פירן
וועג־איין, וועג־אוים . . .

ווייסע וועגן דורך דער וועלט,
בריקן שימערנדע אין דער לופט פאַרצויגן.
טריט אין טריט אויף ברוק —
נאָר וואו ? — אויף וועלכן פּלאַנעט אין גאַנג
קלינגען איצט די טריט ?
וואָס פירן דיך אויף און אָפּ ווי אין געזאַנג אַרום
וועלט־איין, וועלט־אוים . . .

III

גאַסן און אַלייען

איבער אונז . . .

איבער אונז — קיין גרינע ווייענדיקע צווייגן.
נאָר שעה נאָך שעה
אין בלוילעכן אַפּריל־פאַרנאַכט מיר גייען,
דורך גאַסן פון דער שטאָט
ווי דורך טיפע שאָטנדיקע אַלייען . . .

און מויערן
דינע, טורעמדיקע שפּיצן,
גאָלדיקן אין אָוונט־זון
וואַלדיק, ווי טאָגען אין פאַרנאַכט
זוניק, רונד אַרום די קרוינען . . .

— — — — — — — — — — — — — —

אָ, שעהן ליכטיקע אַזוי אין גאַנג און רייד!
און נעמען פון אַמאָל, דערמאָנטע —
וואָס שפּרייטן זיך ווי כישוף־טעפּיכער,
אונטער אונזערע טריט
און וואונדערלעך אַזוי
דורך יאָגנדיקע אויטאָס —
גאַס נאָך גאַס און עוועניוס אונז פירן . . .

און ערגעץ:
אין מיטן פונעם רויש,
פון אַ פענצטער, איינזאַם,
דאָס שפּילן פון אַ קלאַרנעט,
ווי פון אַ וועלט פאַרגאַנגען לאַנג —
קומט שטיל צו אונז,
ציטערדיק, אין אָוונטדיקן ליכט צושווימען.

גאַסן פון ניו־יאָרק

דרום גאַסן פון ניו־יאָרק!
סקלאַדן ביי די האַפן־ברעגן —
גאַסן — און הענגענדיקער שטאָל פון בריקן
נאָענט, אין לופט . . . .
גאַסן — פּאָרטן.
פּאַר אַנקערדיקע שיפן, פאָנען
פון דער גאַנצער וועלט . . .
דרום גאַסן פון ניו־יאָרק!
ווי ליב איז אומצוגיין
אין אייערע ווינקלען,
דורכגענג,
באַ די וואַסער־ברעגן,
און פילן
אין דער לופט:
דעם הארבן ריח פון די סקלאַדן,
פון קאַווע, אינגבערן
און פעלן,
פון די יאַוואַ־אינזלען,
דזשאַמייקע, פּאָרטאָ־ריקאָ.
און פון גומי פרישן
פון דער ווייטער קאָנגאָ,
געבראַכט אהער ביי אָט די ברעגן . . .
און נאָענט אַזוי ווערט מיר די ווייט
די וואונדערלעכע,,
וואָס קומט אַהער
אויף שיפן־קאַראַוואַנען,
מיט פאַרביק־ווייענדיקע פאָנען,

פון אַלע אינזלען,
לענדער, פון דער וועלט,
צו די ווינקלען, גרויע,
ענגע דרום גאַסן פון ניו־יאָרק . . .

היינט ווי דאָן

היינט ווי דאַן —
אין די טעג פון שטאַרבנדיקן טשעכאָוו
טראָגט זיך דורך דער לופט
די האַק,
אַריבער קאַרשן־גערטנער,
פאַלנדיקע שטאַמען.
און טאָג נאָך טאָג
אין אימהדיקער הויך,
ווי שלאַנגען ריזיקע
וויקלען זיך גאַסן־מויערן,
רונד אַרום דיין גוף
פאַרלאָרן . . .
און מעקן אָפּ
פון דיין זוכנדיקן בליק,
דאָס לעצטע שטיקל בלוי
פון טאָגיקן און אָוונט־האָריזאָנט —
אין ליכטיק דינעם הימל־בויגן . . .

און ווי דורך די ווענט — די זון,
וואָס מיידט דיין אומעטיקן פענצטער אויס,
דער פויגל מיידט אין שרעק
דיין דאַך. — — —
און ווי דורך נעפּל — פאַר דיין אויג,
די וועלט,
ווי אַ קאַרשן־גאָרטן, האַרבסטיק,
אונטער האַק פאַרגייט . . .

ביים האָדסאָן

דער האָדסאָן-ברעג אין פריע הארבסט-ווינטן פאַרווייט,
ציטערט, שפיגלט זיך אין ליכטיק-גלאַטן וואַסער.
און ס׳לייכט דער הארבסט דאָרט טיף אַ גאָלדיק-בלאַסער
פון די פּאַליסאַדן שלייערס, גאָלדיקע געשפּרייט . . .

אַ שיף קומט אָן פון בלוי און אַמבער-מאַטן זייט,
מיט פאַרביק-העלע פאָנען פלאַטערנדיק אין לופט.
און ברענגט מיט זיך אַ מילד פאַרשיכורנדן דופט,
דעם חלום: פון די לענדער טראָפּישע אין ווייט.

און פינקלענדיק זיך שפּרייט ווי ווייַן-צעגאָסענער, אַ ברעג פון ים,
מיט גרינע פּאַלמען-אינזלען און זעגלען זילבער-בלייך.
און ס׳הויבט אָקעגן זיך דאָרט זוניק אין דער הויך
אַ שטאָט, מיט גילדיקע קופּאָלן ווי אין פלאַם . . .

די שיף פאַרשווימט, די פאָנען פלאַטערן . . . און קאַלט
אַ גרויער נעפּל לאַנגזאַם אויף דער געגנט פאַלט.

אין בבל־טורעם פון אונזערע טעג . . .

דאָ, אינעם בבל-טורעם פון אונזערע טעג,
וואָלקן-מויערן פון ניו-יאָרק —
דאָ פאַר די אָפיס-פענצטער,
טיש און ווייס פּאַפּיר,
וואו טאָג נאָך טאָג
מיין מי
ווי די וואַסערן פון טייך,
אין שטורעמדיקן ים — פאַרפאַלן . . .
דאָ אין דער שווינדלדיקער הויך
אין טומלדיקן גאַנג פון טאָג —
קומט אָפּט אַריבער מיר
די רו און קילקייט,
ווי פון שפּיצן בערג
אין קלאָרן שניי . . .

און פאַר די פענצטער דאַן אַזוי,
שטיל — אין וואָלקן-גאַנג —
וואַנדערט מיין געדאַנק
דורך הויכן,
אַריבער לענדער, וועלטן,
דורות טויזנטער,
וואָס זיינען אויפגעגאַנגען
און פאַרגאַנגען,
אַ יעדער אין זיין מי . . .
און האָבן ווי בבל
אין בענקשאַפט זיך געהויבן,
אין טורעמס און הענגענדיקע גערטנער —

צו די וואָלקנס, הימלען,
און שפּרייטן זיך אַצינד
ווי בייטן, — אויפגעגראָבן פונעם קאַלך־שיכט,
פאַר דעם שאַרף
פון רידל און פון לאָם . . .

— — — — — — — — — — — — —

און אייביק, ווייטער, גאָלדיקער זיך ציט
דער שטערן־וועג,
דורך מיליאַרדן טעג און נעכט פאַרלוירן . . .

און העכער,
טיפער, כישופדיקער, שטייגן
גאַסן־מויערן, פענצטער, טורעם־שפּיצן,
און ווי שטענגלעך דינע,
העלדזער־שורות —
אין די וואָלקנס ציען זיך און ציען . . .
און אָדלערדיק אַריבער זיי
ווי דורותדיקער בענקשאַפט —
פאַר די הימלען
ניט דערגרייכטע —
זשומענדיקע מאָטאָר־פליגל . . .

— — — — — — — — — — — — —

אָ, רגעם שטילע — אונטער וואָלקן־הויכן,
דאָ אינעם בבל־טורעם,
אין טומלדיקן גאַנג פון טאָג . . .

אין מיטן פון די רייד . . .

אין מיטן פון זייערע רייד:
פון „דיווידענד״, „פראָפּיטן״, —
אַוועקגעוואַנדערט האָט פלוצלונג מיין געדאַנק
אויף ווייטע, קילע שאָטנדיקע וועגן
פון אַ יונגן גרינעם וואַלד.

און ווי אַ וואַנדערער
אַ מידער, —
גערוט האָב איך דאָרט לאַנג אין שווייגן,
אויף אַ נידעריקן שטאַם,
פון אַן אָפּגעזעגטן בוים.

זיי האָבן גערעדט.
און איך האָב אויפגעשלאָגן אַ געצעלט,
אין קילן שאָטנדיקן גרין, —
און ס׳זיינען זייערע רייד געפאַלן
ווי הארטער האָגל,
אַריבער דעם דאַך פון מיין געצעלט,
וואו כ׳האָב אין מיטן פון די רייד
געפונען רו . . .

אין דער מיטאָג־שעה . . .

אין דער מיטאָג־שעה,
פון דער מי באַפרייט —
וואונדערלעכע רו
דיין געמיט פאַרוויגט . . .

אין דער מיט פון שטאָט,
ביי אַ פענצטער שטיל,
צי אין ווייטן וועג
ביי אַ ברעג פון פעלד.

טרוקן ברויט — צי רייך
ביי אַ טיש געגרייט:
וואונדערלעכער גנאָד
אויף דיין קאָפּ זיך שפּרייט.

דורך דיין זין און בליק
זעאונגען אין ווייט —
אין אַ גאָלדיק ליכט
דין זיך שפּינט און שפּינט . . .

און דיין קול און וואָרט,
ווי דעם נביאס רייד, —
אין אַ וועלט פון רו —
ווי אויף פליגל שוועבט.

אין האַרבסט

ציטיקע טרויבן און ציטיקע עפּל,
באַרן גערויטלטע
האָבן פון גאַס און מאַרק,
פון וועגענער אַראָפּגעזונגען
און דערמאָנט:
פון גאָלדיק ציטיקן האַרבסט,
וואָס וויניקט ליכטיק ערגעץ,
פאַרביק, ווייט
איבער לאַנד און טייך . . .

און אינעם ענגן שימלדיקן אָרום,
פאַר אַ גרויער וואַנט, באַנומען,
דאַרשטיק,
איינגעזויגן האָבן מיינע ליפּן
קילן האַרבסט — עפּל־זאַפט און טרויבן.
און פאַרלאָרן, אויפגעהויבן
האָט מיין בליק זיך אין דער הויך — — — —
ווי אַ הירש — דורך צאַם —
אין שטאָט־גאָרטן געפאַנגען,
קומט אין פאַרנאַכט
אין זיין ווינקל שטיל צו גיין,
פון זיין עמער דאָרט צו טרינקען.
און פונעם וואַסער־פּלאַך
זיין בליק
איבער הויכן —
קוקט שטיל און אומעטיק
אין אָוונטדיקן ווייט
פאַרלאָרן . . .

יאָרן

יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט!
יאָרן פון מאָצאַרט, גלוק און היידן,
יאָרן וואָס בליען אויף
ווי מאַנדל־ביימער,
איידל־ווייס —
פון אונטער די פינגער פון קלאַוויר . . .

פאַר מיין טיר:
אין גערויש פון אויטאָס
און הויך־קלאַפנדיקער באַן,
ווי ליכטיקן פלוצלונג, אויף אַמאָל,
ווי דורך צווייגן זוניקע —
מעלאָדיען — פון אַ גאַוואָט און סאַראַבאַנד . . .
און פאַלן ווי בליטן,
אומגעריכט אַזוי,
דורך דער שטיינערדיקער גאַס
און איבער מיר.

און ס'זוכט מיין בליק
אין דער הויכער קעגנאיבערדיקער וואַנט —
דעם אָפן־פענצטער
און סילועט־געזיכט,
געבויגן, אַריבער ווייסע ביינדלעך פון קלאַוויר
וואָס זינגען, גיסן זיך דורך דער גאַס
און ליכטיקן אַרום,
אין יאָרן פון מאָצאַרט, היידן און גלוק . . .

אין אַ רוימישן גאָרטן

מירמל־בענק,
און רייען ווײַס זיך ציענדיק קאַלאַנען.
ערגעץ נאָענט פאַרטאָן זשומט טיף פון שטאָט די גאַס —
נאָר דאָ אין טרויבן־בלעטער
און זוניקער ציפּרעסן־ביימער רו,
דער זון־זייגער פירט שטיל זײַן דינעם שאָטן־פּאַס.

און פון דערמיט
זיך הויבט אַזוי אין קלאָרן גיפּס אַרויס,
דער קאָפּ פון צעזאַר — ווי ליכטיק־ווײַסער שוים.
און ס׳דאַכט:
עס הערט זײַן אויער ווײַטע גלאַדיאַטאָר־טריט
און יובלענדיק די אַרענע אינעם אַלטן רוים.

און ס׳ציטערט,
וויגט זיך דורך דער לופט פאַרטראַכט,
פון אַ פאַרגאַנגען וועלט אַ מעלאַנכאָלער שײַן,
און בלײַבט, פאַרגייט.
„סיק טראַנזיט גלאָריאַ מונדי״.
אַזוי פאַרגייט די גרויסקייט פונעם זײַן . . .

פאַסטאָראַל

דער טאָג פאַרגייט,
און דורך די אָפּיס־פענצטער, הויך
אין בלוי־ווייס אויפגעגאַנגען פלאַם,
דער פריער ווענוס־שטערן, פרידלעך
לייכט אָוונטדיק אַריין . . .

די הענט פאַרלייגט, —
מיין מי פון טאָג פאַרגאַנגען מיט דער זון.
אין פרעמדער שפע — דער פאַפּיר־קאָרב איבערפילט.
און מיד מיין שטערן צו דער שויב זיך דריקט
אין שטילער רו.

איך קוק אַראָפּ:
די גאַסן — בייטן שוואַרצע אויפגעאַקערט אין אַ פעלד.
און איילנדיקע שטראָמען — פינטלדיקע קעפּ . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

און ערגעץ וואו פון בערג און טאָל,
שטייגן מיט דעם אָוונט אויף, אין ווייט
און ציען — — —
פאַר דעם פאַסטוך, צוריק אַהיים די שאָף.

איך בין דער יעגער . . .

איך בין דער יעגער פון „די ווילדע ענטל״.
כאָטש ווייטער זיינען מיינע טעג ווי די פון איבסענס צייטן —
איך גיי אַרום אין הויז גלייך ווי דורך וואַלד — אַרום וואַזאָנעס
און הער אין ווייט: ווי יעגער פון דער טיפקייט וואָלטן רייטן.

אַ בלעטל האָט פאַרגעלט און פאַלט . . . אָקטאָבער־ווינטן ווייען.
און ס׳זוכט אין הימל־פּאַס מיין בליק די ווילדע ענטלעך ציען.
מיין פענצטער ברייט און הויך און גייט אַרויס צום דרום,
נאָר פייער־גאַניקעס פאַרשטעלן — די פייגל זען אין פליען.

אַ טאָג אַ קילער . . . ווייסע זון. — דער ראַדיאַטאָר זשומעט.
און פּלוצלונג אַ האָרן־שאַל! ווי קלאָר און רופנדיק, באַנומען,
„פאַר־ריכ־טן!״ ציט אַ קול פון גאַס, — נאָר דורך מיין געמיט און גלידער
ציטערט, ציטערט אָט דער האָרן־שאַל, ווי פון אַ טיפן וואַלד געקומען . . .

גאָלדיקע נעכט

פון הינטער מיין שכנס דאַך
און איינזאַמען קאַשטאַנען־בוים,
פאַר האַלבער נאַכט —
אויפגעגאַנגען איז רונד, סוף־חודש׳דיק,
גאָלדיק די לבנה,
און נאַכטיק, טראָפּיש אויפגעלויכטן
אין טונקעלן אַרום . . .
ווען איבער דער ראַדיאָ זינגענדיק
אויף שפּאַנישע גיטאַרעס,
אויפגעגאַנגען זיינען פּלוצלונג
פאַרפירעריש, לבנהדיק,
די לידער פון אַלבעניז . . .

אָ, ליכטיקע נעכט, געשטאַלטן!
פון מאַדריד, גראַנאַדאַ און קאַדיז . . .

און שפּעט אין נאַכט,
אויף מיין געלעגער — די אויגן צו.
ווי וואונדערלעך —
אין מיין זין געבליבן איז די לבנה
גאָלדיק הענגען,
ווי הינטער דעם קאַשטאַנען־בוים.
און דורך מיין בלוט
ביז וויסן טאָג,
געזונגען האָבן די גיטאַרעס
פון גאָלדיק־בלאַסע נעכט. געשטאַלטן,
פון מאַדריד, גראַנאַדאַ און קאַדיז . . .

ציפרעסן

(אימפרעסיע)

ציפרעסן-קרוינען אין דער אָוונט-זון,
אויף הויכקייטן פון בערג —
ציען זיך צו ווייסע גייענדיקע וואָלקנס,
וויגן גאָלדיק-גרינע קעפּ.

זון און וואָלקנס ליכטיק גייען,
און פאַרגייען הינטער בערג —
צוגעוואָרצלט די ציפּרעסן
וויגן אומעטיק די קעפּ.

א. בערגער

בריוו

I

אָנהויב יולי.
און די איידעלע דינע מאַגנאָליאַ־בלעטלעך
פאַלן שוין פון בוים.
און שיטן זיך אַריבער מיין גאָרטן־טיש,
און גאָרטן־באַנק,
און איבער דעם ווייסן קלאָרן
העפט פאַפיר,
אויף וועלכן איך שרייב צו דיר
אין ווייטן לאַנד . . .

און דורך די לאַנגע זוניק־שטילע טעג,
טוליעט זיך מיין גוף
איינזאַם, אין טיפן גאָרטן־שטול.
מיט ווייסע וואָלקנס
וואַנדערט ערגעץ ווייט פאַרטרערט מיין בליק —
און דורך די גלידער מיינע
ציטערט דין די אָוונט־קעלט . . .

II

היינט. סוף יולי.
אין טאָג פון מיין געבוירן.
יאָרן —
גרוי און ליכטיק-ווייסע וואָלקנס —
ווי אין קילן, אָנהויב-ווינטיקן סעפּטעמבער,
שווימען אָוונטדיקע,
רואיק, פאַר מיין בליק אין ווייט.
און ציען. — —
און מיין געדאַנק גייט אום
אויף לאַנג פאַרגאַנגענע וועגן
און באַגראָזטע קברים,
וואו עס רוען
די, — וואָס האָבן מיין שטיל לעבן
ווי אַ ליכטיק גאָלדיק-פאָדים,
דורך דער וועלט — דורכגעפירט . . .

און פאַר די טעג פון יוגנט, וואָס אין ווייט —
מיין האַנט — ווי פאַר דער זון
פאַלט שטיל, אַריבער מיינע אויגן . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

יאָרן — וואָלקנס. ליכטיק-ווייסע, גרויע,
פייגל פליענדיקע פאַר אַ האָריזאָנט אַ ווייטן —
פייגל ווי אין גאָלדיק פלאַם,
ווען צו דער נאַכט די זון נעמט רונד זיך נויגן . . .

קינדער פון דער שטאָט

I

קינדער פון דער שטאָט — דער טורעמדיקער, גרויער,
אויף גאַסן ענגע בוימלאָזע — דערצויגן,
אויף זייערע וואַסערן שטיל — אין די קאַנאַוועס
ציען זעגלען, ווייט אין לאַנד פון רעגנבויגן . . .

און אין פאַרנאַכטן פאַר די פענצטער, פייער־גאַניקעס און טירן,
געזאַנגען קינדערישע, אומעטיקע קלינגען:
ווי אין גערטנער בליענדיקע — ערגיץ איבער הויכן.
פאַר די נעסטן, פייגעל אינעם אָוונט זינגען.

II

קינדער שמייכלענדיקע, גרינג דורך טרערן,
געבענטשטע, אינעם בלויען וואונדער פון דער וועלט:
דער הימל — שפּילנדיק אין טויזנט פאַרבן,
די ערד — אַ ליכטיק־פריידיקער געצעלט.

און טאָג און נאַכט אַזוי אַ האַנט אַ ליבע,
דאָרט אויבן, וואונדערלעכע ליכט זיי צינדט.
און אויף דער ערד — אין זיבן זונען
דאָס לעבן גאָלדיק, ווי אַ מעשהלע זיך שפּינט . . .

אין טיפער נאַכט

וואו פירט די ווייסע ווינטער-נאַכט
אין שפּעטער שעה — אָן שלאָף,
דעם זקן איינזאַמען ביים פענצטער דאָרט,
וואָס קוקט אַרוים צו גאַס — פאַרטראַכט ?
די נאַכט אין קעלט — אין ווינט און שניי,
און גאַס און וועג — אין מאַטן ליכט
שוין לאַנג אַזוי
פאַרלאָזן — ציען אין אַרום.
נאָר ער — אַליין ביי קאַלטער שויב,
זיך טראָגט און פלאַטערט שטום —
אַ גרוי-ווייס-מידע טויב ;
אין זילבערדיקע ווייטן,
וואו אונטער פעלדער, שנייען,
אין טיפער נאַכט
און אייביקייטן,
שוין רוען דאָרט — ווייב און קינד.
אַליין פאַרבליבן
דורך די יאָרן :
אַ בלאַט אַ לעצטער פון אַ בוים —
דורך שטורעם, ווינט און קעלט —
געטריבן און ווי פאַרלוירן
אין אַ ווינטערדיקער וועלט . . .

דער גאַסן־שפּילער

אין זיינע אויגן — הימלען
פון ווייטע פאַרגאַנגענע זומערם.
איבער זיין פּנים — קאַרבן,
ווי בייטן צעאַקערטע פעלד,
יאָרן — ווי צייטיקע זאַנגען
וויגן זיך פולע, אַריבער זיינע אַקסלען.
און מיט גיטאַר אויף דער גאַס,
דערציט ער די טעג פון זיין וועלט.

זינגען אַזוי זיינע סטרונעס:
אויף רוישיקע גאַסן פאַרלאָרן —
פון פעלדער מיט זוניקע טרויבן,
פון קערב פול מיט ליכטיקע וויינען,
זוניקע טעג פון אַנדאַלוזיאַ
אין צייט — ווי אין נעפּל פאַרשוואומען.
גאָלדיקע וועגן און יאָרן,
ווי ליכטיקע טויבן פאַרפלויגן.

זינגען און זינגען די סטרונעס . . .
און איבער די הויכן און פענצטער
בלאָנדזשען זיינע אויגן און בלויען:
אַז שיקן זיין גנאָד זאָל דאָרט עמיץ;
ווי אַמאָל אויף זיין פעלד — איז אין שפע
געפאַלן דער וואַרימער רעגן,
זאָל איצט אין זיין הוט אין דער טיפער,
זיין ברויט — אין מטבעות אים פאַלן . . .

אין ערשטן טאָג פון מאַי...

אין ערשטן טאָג פון מאַי
בליען אין מיין זכרון:
ווייס און פורפל-בלוי
אַקאַציע-הענגלעך,
דופטיקע וויסטעריא,
און חלומות
פון אַ לויטערער וועלט . . .

א. בערגער

אַרום שפּיטאָל

I

אין קראַנקן־צימער, די פרישע בלומען אין די וואַסער־וואַזעס בלענדן.
און אויסגעמישט אין לופטן גייט דער ריח פון קאַרבאָל און יאָד —
אַ פרילינג־טאָג אַ זוניקער אָן פענצטער גאָלדיק אָנגעהאָנגען,
און פון ווייסע קישנס, אומעטיקע אויגן — זוכן אינעם ווייט דעם
לעבנס־סוד . . .

אין גאַסן, הינטער ווענט און דורך די שפּיגלדיקע פענצטער,
דאָס לעבן גייט און זשומט ווי דורכן פרישן וואַלד אַ שטראָם.
און דאָ, די בעטלעך־שורות ווינטערדיק אין ווייסן, בלאַנקן
מיט גופים שטיל, — ווי שפּענדלעך אויסגעשפּיגן פונעם ים מיט שוים.

דער טאָג פאַרגייט . . . און ס׳פאַלן שטילע סודותדיקע טריט און רייד.
און פון די ווינקלען, אימהדיק אַזוי אַרום די נאַכט זיך שפּרייט,
אַ בלומען־דופט אַ האַרבער פון די וואַזעס, וועלקנדיק שוין ציט,
און פון דער נאָענט געהיים, אַ גוף פאַר דער אייביקייט ווערט אָפּגעשיידט.

II

די ביימער רונד אַרום דעם שפּיטאָל אין מאַי צעבליט
זינגען אין די טעג די לויטערע פון פרי ביז שפּעט,
און ס׳שמייכלען אומעטיק, געהיים, די קראַנקע פונעם בעט
און קוקן פאַר די פענצטער נאָך יעדן פויגל, אין ווייט וואָס פליט . . .

די ביימער — ערשט מיט צווייגן דאַרע אין דער ווינטער־קעלט,
ווייען גאָלדיקע מיט בלעטער שוין — אין זון און ווינט.

און ווי די שטערן, בליטן ליכטיקע אַרום דער פרילינג צינדט.
און גייען אויף אין פאַרביקע חלומות, דורך דער קראַנקער וועלט.

אַ, ליכטיקע חלומות אויפגעגאַנגען פאַר שפּיטאָלן־ווענט,
ווי בליטן אויפגעלויכטענע אויף שפּיצן פון אַ קראַנקן בוים!
אין זון און רו. די גלידער אויסגעשטרעקט — די ליפּן בעטן קוים:
ניט קומען זאָל דער פרילינג ווי רעגן אויף פעלד — שוין פאַרברענט . . .

פריש ערד

אַ בערגל פריש־צונויפגעשאָטן ערד,
און פייכט — פון ערשט־געפאַלענעם רעגן.
דאָ, האָט דער יונגער פרילינג,
ערשט געלאָזן זיין וואַרעמען טרער
אַריבער דעם איבערגעלאָזענעם נאַר,
וואָס האָט אַזוי ווי אַ שטורעם
דורך דער וועלט דורכגערוישט . . .

ער, וואָס האָט אַזוי עלעגאַנט,
אַריבער די אַקסלען,
מיט פאַרביקע פעלערינעם
די גאַסן אומגעשפּאַצירט,
און דריי מאָל אַ טאָג פאַרן שפּיגל
די וואונדערלעכסטע קראַוואַטן פאַרקניפּט.
אַריבער זיין פרישן קבר — דער רעגן
שטיל אַזוי און לאַנגזאַם,
זיפּט זיך און רינט.

— — — — — — — — — — — —

און ס׳דאַכט ;
ווי פון אַ ווייטן חלום —
שרייט דאָס בערגל ערד אַקעגן :
הבל הבלים.

טויט

דורך די גאַסן פון כנען;
דורך די פעלדער פון מואָב —
און אין די הענגענדיקע גערטנער פון בבל און רוים
געבליט האָט דער בוים און די בלום,
געבליט און פאַרבליט.
און מיט הענט אויסגעשטרעקטע
און אויגן — פאַרמאַכטע,
נאָכגעגאַנגען זיינען דורות
שטיל דאָס געזאַנג
און אומעטיקן שפּילן
פונעם טויט . . .

און אַלט און יונג,
און קינדער קליינע,
ווי בלומען
האָבן זיך אויף פעלדער און וועגן
אין בייטן אויסגעשפּרייט,
פאַר דעם „זיגער",
וואָס גייט פון לאַנד צו לאַנד,
פון דור נאָך דור —
דורך גאַסן, שטעט און פעלדער,
און אויף אונזער וועג . . .

דער קילער וואָלקנדיקער פרילינג־טאָג

דער קילער וואָלקנדיקער פרילינג־טאָג
פאַרצים
אַריבער מיין געמיט
שאָטנדיק געוועבן:
פון וועלקן אינעם אָנהויב ווערן,
פון ציטערדיקן זיין
און אומפאַרמיידלעכן פאַרגיין
פון לעבן . . .

דער קילער וואָלקנדיקער פרילינג־טאָג
אין רעגן.
קעלטערט, נעצט אַריבער מיר און וועגן
און אויף די יונגע,
פאַלנדיקע בליטן,
פון מיין שכנס גאָרטן
אָפגעהיטן.
ווינטיק . . .
איבער מיינע אַקסלען
נעם איך פעסט מיין מאַנטל מיר פאַרציען. —
אָ, פאַרבן־שפּיל!
פון דאַרבן און פון בליען . . .

דער אָריענט

וועז אויף דעם מערב־זוים דער טאָג אַ זוניקער דערברענט,
און יעדער דאַך און בוים־שפּיץ אין קאַראַל־רויט גליט:
ווי טיף פאַרבענקט טויכט אויף פון ווייט אַזוי אַמאָל און ציט
דער ווייך־פאַרחלומט, זוניק־שטילער אָריענט.

אין טיפן קופּער־פאַרב די לאַנדשאַפט ליגט געשפּרייט;
אַ זים צעגאָסן מידיקייט אין לופטן הענגט,
אַ קאַראַוואַן זיך ציט און בשמים מיט זיך ברענגט
און דינער טאַצן־קלאַנג דעם קאַראַוואַן באַגלייט.

און ערגעץ רואיק אויף ווייכע טעפּיכער געבעט,
מיט וואַסער־ליולקע — עמיץ שטיל זיין חלום שפּינט.
אין זון און רויך — די רער אַ פאַרביקע זיך צינדט
און פינקלט העל אין בלאַסן גאָלד און פּורפּור־פיאָלעט.

דער טאָג פאַרבלייכט . . . ס׳צינדט ווים אין פלאַם אַ שטערן אויף
— און בלענדט
און ווייט און ברייט שוועבט טיף פאַרבענקט דער הויך פון אָריענט.

וואַרניש

אין טונקעלן וואַרניש פון מיין טיש, —
פאַר מיין פענצטער —
לייכט אַמאָל דורך נעכט אַריין
זילבערדיק, די לבנה.
און ציטערט, שפּיגלט דאָרטן לאַנג
ווי אין טיפקייט פון אַ טייך . . .

דער טונקעלער וואַרניש פון מיין טיש,
ווי אַ נעץ אַ דינער
אין וואַסערן פאַרוואָרפן, טיף,
ציט דורך הויכן און מויערן
און פאַרנאַרט — די רונדיקע לבנה
אויף די פלאַכן פון מיין טיש,
צו שפּיגלען דאָרט פאַר מיר
ווי אין טיפקייט פון אַ טייך . . .

אינסענס

הינטער די פענצטער,
דער האַרבסטיקער נאַכט־רעגן גיסט . . .
אָנגעצונדן,
אויף מיין טיש דער בשמים־ברענער
קרייזלט דינעם בלויען רויך.
דינער בלויער טול
וויגט זיך פאַרשיכורנדיק
אין דער לופט.
שפרייטן זיך פאַר מיין אויג
ראָזיק־ווייס:
קאַרשן־בליטן איבער צוימען
פאַלנדיק אין גראָז.
גאָלדיקע אָראַנזשן־ביימלעך
גליענדיק אין זון.
גאָלד און פורפור.
מינערנדער ליכט . . .

— — — — — — — — — — — — —

הינטער די פענצטער.
דער האַרבסטיקער נאַכט־רעגן גיסט.

ברעגן פון ים

I

אויף דעם ברעטער־גאַנג, אויף־און־אַפּ אַזוי,
ים מיין ים, דיר, — מיינע אַוונטדיקע שעהן.
אויף דעם ברעטער־גאַנג אומעטיקע לאַנג
מיינע אויגן אינעם וואַסער־ליכט זיך בלאָען . . .

גאַס און שטאָט אין טאָג־פאַרגאַנג פאַרשוואומען,
פאַר די אויגן — ים און הימל טיפן, —
גיי איך מיט דעם ברעג — און אין די וויטן
אַוונט בלאַנדזשענדיק, די וואַלקנס, שיפן.

קיל אין ווינטיקן אָקטאָבער ווייען
מיינע קליידער, — זעגלען גאָלדיק אַנגעצויגן.
זון־פאַרגאַנג און ווינט אויף מאַסט און וועלן —
לאַנד, אָ, לאַנד, אין ווייט, אין ליכט פון רעגנבויגן!

אַוונט־זון . . . און אינדזלען, לענדער, ימים
ווייטע, וואונדערלעכע, גייען אויף פאַר מיר און שטייגן,
און ווי דער קאָרסיקער אַמאָל אויף „סעינט העלענע"
גיי איך אויף־און־אַפּ אַזוי ביים ברעג אין שווייגן . . .

II

מיין „וואַטערלו" אין שקיעה־ליכט
ליגט ערגעץ ווייט אין פלאַמען,
און איך — אַ מידער — צי צוריק
אַריבער זיבן ימען

מיין ווייסע פאָן, אַ שטילע ווייט
פון בלויע אָוונט־הויכן.
און האפּנס פרידלעכע אין ווייט
פון וואַסער־טיף זיך בלייכן.

מיין טאָג אין רויש און מי אַוועק,
אויף גאַסן־מערק און שוועלן.
און ווי אין מאָרגן־ליכט אַזוי
מיין וועג נעמט פאַר מיר העלן :

ווי צו דעם ברעג פון ימים ציט
דער דינער שטראָם, פאַרלאָרן
אין אייביקייט, — אַזוי מיין וועג,
דער גאַנג פון מיינע יאָרן.

III

איבער די פעלזיקע ברעגן,
ווייט אינעם ים דורכגעצויגן,
ברעכן די ווינטיקע וועלן,
ווייסן, זיך, שוימען זיך, לייגן . . .

פליגל און פליגל פון מעוועס
הויבן זיך, שטייגן און פאַלן,
קרייזן אין גרינלעכן אָוונט,
וויגן אין לופט דורך און שאַלן.

נאַכטיק. אויף גלאָקן און טורעמס,
צינדן זיך, רויט־גרין לאַמטערן ;
טיפער פאַרהילט אין מיין מאַנטל —
גיי איך דורך בליענדע שטערן.

IV

טריט אין טריט אין נאַכטיקן אַליין,
שטיל און ווייט — ווי פאַרלאָזן אַ געצעלט.
אויף דיין אָנגעזיכט דעם הימלם בלוי געוועב
שפּינט און שפּינט, אַרום דיר און דער וועלט.

שפּעטער טורעמדיקער זייגער־קלאַנג.
וואָסער צייט אַצינד און וועלכע שעה?
הויך פירט מאַרס זיין רויט־לאַמטערן פאָן, —
און דיין גאַנג אַזוי — גלייך ווי ניט דאָ.

טריט אין טריט אין נאַכטיקן אַליין,
שטילע, ווי אין שאָטן־מיטגאַנג, אויפגעלייזט.
נאַכט און ים אַ קאַרוסעל — און דו —
ווי אַ שטערן אינעם מילך־וועג, גייסט און גייסט.

האַרבסטיקע גאַסן

תשרידיקע קילע, גאָלדיקע פאַרנאַכטן,
אין דער לופט — אַ האַרבסטיק־דינער אומעט —
בלאָנדזשעסטו אין גאַס אַזוי זיך שטיל אַרומעט,
מיט אַ בליק אַ מידן, אַ פאַרטראַכטן . . .

לעצטע טעג פון זומער זוניקע דערגליען —
גייסט — און ס׳דאַכט דיר — נאָענט, אַקעגן:
שפּרייטן זיך אין בלעטער, קופּער־רויטע וועגן.
און אויף הוילע לאָנקעס — פייערלעך דאָרט טליען.

און ווי אויף צוימען אין אַרום — אויף פּליטן
קרייזלען זיך ברוין אין טוי, צייטיקפולע טרויבן;
ס׳לעשן זיך אַקעגן — זון־באַשטראַלטע שויבן, —
טונקל־בלוי, און ווינטיק, נעמט די נאַכט זיך שפּרייטן.

אָוונט־ליכט און שטערן — פייגל־שניר זיך ציען,
ווייט אַריבער דעכער — פליען שטיל און פליען . . .

פאַר מיין פענצטער . . .

אָוונט. פאַר מיין פענצטער ברענט אַ גאַס־לאַמטערן,
ציט זיך אין מיין צימער בלוי־ווייס דינער ליכט:
צינד איך ניט קיין פייער, זיץ מיר שטיל אין וויג־שטול
און דאָס ליכט פון דרויסן פאַלט אויף מיין געזיכט.

חלומט מיר פון נאָרד־לאַנד — העלע נאַכט, פאַרטרוימטע.
ערגעץ אין דער ווייטקייט פאַכען פליגל שטיל. — — —
און פון שלאָף געוועקטע פליען ווילדע שוואַנען
און די נאַכט־לופט ציטערט און צעווייגט זיך קיל . . .

חלומט מיר די נאַכט־זון פון דעם ים געבאָרן.
ווי אַ גייסט פון אָפּגרונט שפּירט די געגנט אוים.
און די פיאָרדן דרעמלען, הילן זיך אין רויטקייט
און די שפּיצן פעלזן שטרעקן רויט אַרוים.

און אין רינג פון ברעגן, ווי אין אַ גאָלדן בעכער,
פליסט דער שטראָם און פינקלט, ברענט ווי רויטער ווײַן.
נאָענטע הענט געהיימע, וויגן שטיל מיין וויג־שטול —
און דאָס נאָרד־לאַנד שפּרייט זיך, וואַקסט אין מאָרגן־שיין.

ביים אָוונט־טיי

די געלבע אַסטער־בלומען ציטערן אין וואַסער־קרוג.
ווי קאַלט דער אָוונט־ווינט אין פענצטער ווייט —
עס טוליעט זיך דער פויגל האַרבסטיק שטיל אין נעסט.
דער הימל פאַרבט און הילט זיך קופּער־רויט . . .

דער פרישער טיי אין דין־געבלומטן גלאָז
העל גליט און שפּיגלט זיך אין ווייניק־רויטן ליכט.
מיר טרינקען שטיל אין אָוונט־שעה פאַרטראַכט
און ווי דער טיי טיף רויטלט זיך אויך דיין געזיכט.

אַ דינער ליכט־פּאַס וויגט זיך אויף דער וואַנט
און וועבט זיך לאַנגזאַם, לייכט אַרום דיין קאָפּ.
און דיינע אויגן, קינדיש גוטמוטיק אַזוי
דיין געמיט פאַרטרוימטן, קלאָרע שפּיגלען אָפּ . . .

אַ באַנגער קלאַנג, — דער זייגער קלינגט, און קלינגט אָפּ פינף.
מיין קאָפּ זינקט לאַנגזאַם ווי פאַרוויגט אַזוי . . .
ווי בענטש איך אָט די גוטע שטילע אָוונט־שעה,
די רואיקע, מיט דיר ביים אָוונט־טיי.

סילועט

פון ראָז אין געלב, פון געלב אין בלאַסן גרין.
און טונקל פאַר די שויבן איצט די נאַכט זיך ציט ;
אין שטול — פאַררוקט, אין מאַטן ליכט — איך זיץ און האָרך :
ווי ס׳שאַרן אויף דעם דיל זיך שטילע דיינע טריט . . .

און פון דער ווייט — די הענט פאַרלייגט אַזוי אין גיין,
פאַרשוואומען האַלב אין נעפּל שווין דיין סילועט
מיר מאָלט : — אַן אַלטער גאָרטן האַרבסטיק שפּעט, פאַרלאָזט.
און אויף אַ סטעזשקע דאָרט אַ פאָווע איינזאַם טרעט.

ווי אַ שטראָם

דעם אָנדענק פון מיין מוטער.

ווי אַ שטראָם אַ לויטערער אין וועג,
דורך שאָטנדיקן וואַלד, —
פליסט דיין ליכטיק קלאָרער אָנדענק
זוניק איבער מיר . . .

און ווי אַ צווייג און ווייענדיקער בלאַט
אין וואַסער־שטיל,
שפיגלט מיין געשטאַלט
אין דיין לויטערקייט אַצינד,
און ווי דער שטראָם
אין אייביק ווייטן גאַנג, פאַררינט.

אין אָנקום פון אונזער טאָג . . .

זוניקע, לויטערע פרימאָרגנס,
ווי לויטערע קינדער־יאָרן —
לויכטן אויף אַמאָל אַריבער דיינע ברעמען
דערוואַכטע ערשט פון שלאָף
און האַלב געעפנט:
אַקעגן אַ העלער
און בלענדנדיקער ניי־געלייטערט ליכט . . .
דיין אויג שטראַלט אויף,
ווי ס'וואָלט געזען די וועלט
אין אויפגאַנג ערשט
און ריין, אין איר באַשאַפונג.
און ווי אין טאַנען־בוים,
אַ יעדער נאָדל־צווייג
אין אָנקום פונעם ווינט,
אַ יעדער גליד דיינס זינגט אויף!
ווי מאָרגן־לאַנד,
ווי וואַלד און פעלד —
אין ליכט און פאַרבן־שפּיל.
און טיף און וואונדערלעך אין דיר
גייט אויף
דאָס שטילע ליד
פון וועלט און זון.
וואָס גריסט דיין ערשטן בליק
— אין אָנקום פונעם טאָג,
אין מאָרגן־רו און פרייד . . .

אקעגן דיר,
אין פלאַטערדיקער שפּיל —
דיין קינד דערוואַכט.
און זינגט זיך שטיל,
ווי דער פויגל פרי
אין מאָרגן־לופט . . .
און באַלד אַליין,
אין זון־געוועב
זיין קול גאָר פלוצלונג זיך צעלאַכט.
און ס׳דאַכט:
דיין אייגן קול דאָס לאַכט אַזוי
אין דינעם יונגן קלאַנג,
אויף וועגן גאָלדיקע — אין ווייט,
דורך פעלד און וואַלד.
און איבער טייכן מאָרגנדיקע
אין פריער שעה . . .
און ס׳דאַכט:
דאָס לעבן דיינס
גייט איצט אַ זוניקער ערשט אויף . . .

∴

האַלב אַכט. —
און דורך די גאַסן, שטילע,
דער לעצטער רעדער־סקריפּן
פון מילך־וועגען פאַרגייט.
און טירן, פענצטער קלאַפּן אויף
און פון אַ שכן, נאָענט
אין לייכטער און פאַרטראַכטער פרייד.
די ערשטע פּיאַנאָ־קלאַנגען
פון אַ סאָנאַטאַ שטייגן אויף . . .

דיין הארץ זינגט מיט:
אלעגרא, — אנדאנטא, —
די וואונדערלעכע רייד און טענער
פונעם מייסטער, איבער דיר.
און לייכט אזוי ווערט דיר דער טאָג
ניט לאַנג געבוירן . . .
דיין הארץ שלאָגט שטיל
און רואיק,
פאַרן ווייסן מאָרגן־טיש געגרייט.
און פאַר דער קאַווע־שאָל,
דיין בליק אַ רגע וואַנדערט נאָך אין ווייט
פאַרחלומט האַלב — — —
אין אַט דער נייער, מאָרגן־וועלט
דער לויטערער, אין רו . . .

∴

נאָר לאַנג איז שוין די וועלט
נאָך איר באַשאַפונג.
און פאַר דיין טיר
שוין וואַרט אויף דיר
די לעצטע נייעס
פון אָוונט און פון נאַכט.
און פאַר דיין בליק פאַלט שווער
אין קעסטלדיקע מעלדונגען פון די,
וואָס האָבן ערשט אַליין
דעם אַרויסגאַנג
פון אַט דער „וואונדערלעכער" וועלט געזוכט.
פון די וואָס זיינען — מיט קעפּ אַראָפּ
פון שווינדלדיקע גאָרענס —

געפלויגן צום אַספּאַלט און ברוק . . .
און ווער מיט שטריק,
און ווער מיט גאַז,
און ווער פון בריק
אין וואַסערן פון טייך דאָס לעצטע רו געזוכט.
— — — — — — — — — — — — — — —

און שווערער ווערט דיין בליק,
און שווערער וואַלקנדיקער
דיין לייכט געמיט . . .
דיין טראָט איילט גיך
צום סאַבוויי־צוג,
וואָס פירט דיך ווי דורך נאַכט
צו דיין טעגלעך מי, ווייט, בלינד.
און לאַנג שוין איבער דיר
ווי נעפּל האַרבסטיקער
דיין מאָרגן־פרייד און זון
אין ווייט צערונען שווימט — — —
און ווי דער צוג — דיין לעבן דאָרט
דורך חושך — יאָגט און יאָגט . . .

IV

אונטער זון און שטערן

אין ליכט פון אַקראָפּאָל

מיר איז מיין צייט און דור דערווידער,
וואָס איז אַ קינד — אַ וואַסער־קאָפּ געבאָרן.
און ס'זינגען אין מיין בלוט אַזוי די יאָרן,
די לאַנג פאַרגאַנגענע, ווי לידער.

פון טורעמס ליכטיקע, קאָלאָנען,
אויף ווענט אין שטיינער־שריפט נאָך שטראַלן:
די שפּורן פון דער אַנטיקער וועלט — געפאַלן,
פון דורות — דורכגעווייט ווי פאַרביק־העלע פאָנען.

און גיפּס און בראָנז און מאַרמאָר שפּילן
די לידער נאָך פון דאָן, אויף שטילע פּליטן;
דורך גערטנער טיפע, אַלייען, בלומען־בייטן.
און מירמלנע פאָנטאַנען אין וואַסער־שפּריי אין קילן.

און ווי דער אַקראָפּאָל אויף אַטהענס הויכן,
אין זון־פאַרגאַנג, געבראָכן רויטע זיילן —
די וועלט ליגט בלוטנדיק מיט שאַרפע פיילן.
די וועלט, וואָס האָט געגאַרט די שפּיצן פון אָלימפּ דערגרייכן.

געזאַנגען

דעם אָנדענק פון דוד איגנאַטאָוו

דורך אונזער יונגער און גרויסער וועלט,
זיינען חלומות צינדנדיקע אויפגעגאַנגען;
וואונדערלעכע געזאַנגען —
און אונזערע הימלען, ליכטיק אויפגעהעלט.

און פון די וועגן — דערנערדיקע — געפאַנגען,
האָבן מיר פאַרכישופט זיך געצויגן:
צו שפּילנדיקע וייטן פון אַ רעגנבויגן —
מיט די וואונדערלעכע געזאַנגען . . .

און ווי מעטעאָרן — אויפגעלויכטן און פאַרגאַנגען,
פון די הויכן, נאַכטיקע, געפאַלן:
אין אָרום — די וועלט אַ רגע צו באַשטראַלן,
וואונדערלעך אַזוי — מיט אונזערע געזאַנגען.

א. בערגער

דער גריל

אברהמ׳לען

די פייער־פליגן צינדן גאָלדיקע לאָמטערן אינעם גראָז,
דער אָוונט בליט אַ ליכטיקער מיט פייערלעך און שטערן.
פון ווינקל־קיך דער גריל נעמט ציטערדיק שפּילן
פאַר שטוב און פעלד און פאַרן קינד וואָס וועט דורך נאַכט אין שלאָף
אים הערן.

און שטייגן פונעם קישן וועלן לייטערס זילבערדיקע פאַרן קינד און ציען
אין שטערן־רינג. און אָננעמען וועט ער אזוי דעם „שעפער" * אין די הויכן...
דער גריל שפּילט לאַנג און היימלעך אין דער טונקל
ביז בלויע מאָרגן־פּאַסן צו די פענצטער גרייכן.

דער זומער־טאָג וועט דורכציען אין שטראַליקע געשפּאַנען.
און באַרג און טאָל און פעלד און שטוב דער אָוונט־בלוי וועט הילן.
און ליכטיק פאַרן קינד דער „שעפער" פון די הויכן וועט זיך בויגן,
און היימלעך אין זיין ווינקל וועט דער גריל דאָרט שפּילן, שפּילן.

---

* אַ שטערן־גרופּע.

אינדיאַנער זומער

אַ גאָלדיקע ליכט
פון סוף זומערדיקע טעג.
אויף יעדן וועג
און אויף יעדן געזיכט . . .

אַ זוניקער שפּיל:
פון ווייט — און פון דאָ
דורך רייפיקער שעה —
צים דאַרבנדיק, שטיל.

אַ לויטערקייט גליט
פון קומען, — פאַרגיין.
און ביז צום געוויין
איז מיר מיין געמיט.

פענצטער צום ים . . .

פענצטער צום ים.
ליכטיק גרינע שויבן.
און ס׳וויגט דער ים
זיין דין געקארבטן וואסער
אונטדיק, פארוויגט . . .

פאר דעם הימל־ברעג,
אינעם וואסער־ווייט
ציען קאראוואנען —
זעגל־שיפן, ווייס.
פאר די גרינע שויבן
אויגן, קינדיש־שטיל,
וויינען, אינעם גרינעם,
ליכטיקן פארנאכט . . .

זאַפראַן

פון אונטער דיינע דינע בלייכע פינגער,
האָט דער גאָלדיק-געלבער זאַפראַן אויפגעשמעקט.
און אין דער בלויער פרילינג-נאַכט
האָט בענקנדיק זיך מיר אַזוי געוועקט:
מיין מאַמעס בלייך און איידעלע געזיכט,
אין די פאַר יום-טוב נעכט:
פאַרשאָטנט האַלב — און האַלב אין לאָמפּן-ליכט —
אַריבער זאַפראַן גאָלד-געלבן טייג . . .
און ווי די פרילינג-נאַכט
וואָלט ווידער מיך פאַר אַ קינד געמאַכט,
צוגעפאַלן בין איך צו דיין ברוסט,
און לאַנגזאַם, לאַנג אַזוי
די הענט דיינע, די פינגער דיר געקושט.
נאָר דו — האָסט אָנגעקוקט פאַרוואונדערט מיך אַזוי:
דו — האָסט פון גאָרנישט ניט
וואָס האָט זיך מיר געדאַכט — געוואוסט . . .

פאַר אונזערע פענצטער...

פאַר אונזערע פענצטער,
קומען שוין ניט מער די טירקל-טויבן...
אָפּגעזוימערט גאָלדיקע די טעג,
און אומעטיקער האַרבסט
קוקט אַריין איצט אין די שויבן.
נאָך ציט אין ליכטיקייט וואו אַ וועג אין ווייט,
אין בלעטער, בלענדנדיקע פאַרבן, —
נאַר שטיל אין פאַלנדיקן נעפל, שטום,
טונקלט, איינזאַמער
פאַר אונז אַלץ אַרום.
און זעסט: ווי עס לעשן זיך
די פאַרגייענדיקע טעג, — אין דאַרבן.

אויף מיין וועג

אויף מיין וועג איז אָוונט צוגעפאלן.
אָוונט, שטייענדיק אין זון־פארגאנג.
מיין טראָט ווערט שטיל — און דורך די גלידער
צייטיקט עפּעס ווי אין אַ רייפן זאנג.

אויף מיין וועג איז אָוונט צוגעפאלן,
אָוונט, שטייענדיק אזוי און באנג.
מיין גוף נעמט לאנגזאַם, נידעריק זיך בויגן,
ווי אויף דעם פעלד די צייטיק־פולע זאנג . . .

פון אַ טאָג־בוך

I

זוניקע טעג אין האַרבסט.
רויטלעכער ליכט פון פאַרגיין.
פלאַמיקע טרוקענע בלעטער
אויף צווייגן —
אויף ווענט פון קריכנדיקע פלאַנצן,
וואָס פאַלן,
און ווייען אין פענצטער אַריין;
פאַלן אין שטילן פאַרבן־געזאַנג
פון פאַרגיין:
פון בראָנז און קופּער
און ווערמילאָן רויט . . .

II

זוניקע טעג אין האַרבסט,
פלאַמיקע טעג אין קריג —
(אַ, בלוטיקער שפּיל — פאַר מיין אויג
פון אַ וועלט וואָס דערברענט . . .)
אין טיפן צער פון פאַלן,
און פאַרגיין פון מיינע טעג:
די באַמבו־ליולקע צו די ציטערדיקע ליפּן
צוגערירט — — —
און ס'ציען — ליכטיקן מיינע שעהן —

לעצטע זוניק־העלע שעהן,
בונטע ווי די וואָלקן־פּאַסן
פונעם פריען האַרבסט —
שווימען אויף און גייען
שטראַלנדיקע, לאַנגזאַם,
פאַר די פענצטער־הויכן —
פונעם מעריבם
פלאַקערדיקן האָריזאָנט . . .

III

פיאָלעטע מיניענדיקע טיולן איבער מיר,
און אויף מיין צונג,
ווי שאַרפער ביטערער געווירץ.
בלענדנדיק:
ציען לאַנגזאַם,
מיינע אויגן־דעקלעך האַלב זיך צו . . .
מידיקייט — זים צעגאָסן־רו.
שאַרנדיקע סאַנדאַלן־טריט
ערגעץ־וואו . . .

IV

פיאָלעטע נידעריקע הימלען איבער מיר . . .
זונען־רויט אויפגייענדיק — אַרום מיר.
זונען גליענדיקע אין ליולקע־קעפּלעך
פון בורשטין,
וויקלען זיך און ציען

אין פיאָלעטן, טיפן פאַרפומירטן רויך...
זונען — פאַרביקע באַלונען,
הויבן זיך און הויבן
פון מיין בוזים,
פון די פאַלדן פון מיין קלייד.
זוניקער — אויפגעלייזטער ווייַ! —
(גרינג צענומען — בלייַ.)
זינגנדיקער, פייגל־פלאַטערנדיקער רויך
רונד אַרום — און איבער מיר...
רעגן־בויגן רינגען,
רונד אַרום — און איבער מיר.

V

אין די שפּעטע,
מיד פאַרגייענדיקע טעג:
אויף מיין וועג,
אויפגעגאַנגען איז פאַר מיר
שימערנדיק אַ ליכט;
ווי ביים שטיל פאַרגייענדיקן טאָג,
אויפגעגאַנגען ווידער
וואָלט אַ נייע זון:
ליכטיק, שטראַלנדיק,
פון אַ וואונדערלאַנד — אַ זון.

VI

אין פאַרוויגטער רו...
שטרעק איך אויס מיין האַנט,

און די פינגער־שפּיצן פון מיין האַנט
ליכט באַרירן ברעגן:
ווייטע, טיוליקע,
ראָז און נעפּלדיקע ראַנדן —
פון ניט זעענדיקע וועלטן . . .
הויב איך מיר אין לופט מיט זיי
העכער . . . העכער . . . גרינג אַזוי
אונטן, אויף דער ערד —
אויסגעשטרעקט, פאַרצערט
ליגט מיין גוף
פאַרהילט,
אין דינע שניר פון רויך . . .
און ערגעץ אין דער לופט,
מיט וועלטן — אין דער הויך
וויג איך זיך מיט זיי . . .
הין און הער אַזוי.

VII

אין בלאַסן גאָלד פון מאָרגן־ליכט:
האָט עפּעס וואונדערלעך היינט מיר
געזונגען שטיל אין שלאָף . . .
ווי פאַר די דינע פאַרהאַנגלעך
פון פאַר מיין בעט,
געקומען וואָלטן פלייטן־שפּילער
מיטן מאָרגן־פרי צוגיין.
און אינעם מאָרגן־ליכט
מיט פלייט־געזאַנגען
מיך אין טרוים געוועקט . . .

VIII

איך האָב דערוואַכט.
און שטיל געוואָרן איז דאָס וואונדערלעך געזאַנג.
און אויף מיין ליפּ:
געברענט — האָט גליענדיקר דורשט.
אין פענצטער האָט אַ מאָרגן
וואָלקנדיק געגרויט.
און פאַר מיין בעט,
מיין פריינד,
מיין מאַנדל-אויגיקער —
אין זיינע נאַכט-סאַנדאַלן,
שטיל האָט זיך געשאַרט.
און דאָ, און דאָרט —
אַהינטער פאָרהאַנגלעך
מיט קינדיש-פּלאַפּלענדיקע רייד,
די באַמבו-ליולקע צוגעטיילט.
און אינעם אויפגעגאַנגענער
קרייזלענדיקער רויך,
און בלאַסן גאָלד פון ליכט,
האָבן ווידער
וואונדערלעכע פלייט-געזאַנגען —
אויפגעשפּילט.

IX

שטיל אַריבער מיין געדאַנק,
ווי אַריבער טייכן
אינעם אָוונט,
שפּרייטן זיך און ציען נעפּלען,

האַרבסטיק, גרוי און קיל . . .
פלאַטערן און פאַלן,
אויף מיין זינען,
ליכטיקע וויזיאָנען,
פאַלן און פאַרהענגען טונקעלע געוועבן,
רונד אַרום, און איבער מיר . . .

X

גרויער . . . גרויער . . .
ציען דיק צונויף זיך די געוועבן,
דורך דער גרויקייט
דאָ און דאָרטן
דינע ליכט־פּאַסן זיך פלעקן:
ווייס — און זילבער־בלוי,
אמעטיסטן־גרין און רויט.
און ווי פייערלעך פון אויפגעשאָסענע ראַקעטן,
לעשן זיך און לעשן . . .
לייכטער — טיוליקער, ווי אויפגעלייזט,
שפּיר איך מיט דעם טאָגם פאַרגיין,
מיין באַלד ניט ווערן . . .
וועל איך אָט אַזוי:
בענטשן יענע טעג,
וואָס האָבן ליכטיקע,
דורך חושך זיך צו מיר באַוויזן,
און ווי מיט פלייט־געזאַנג
דעם שטראַלנדיקן, און לעצטן וועג,
מיר גיין אַקעגן . . .

פלייט־געוויין

אין דער טיי־הויז פון וואַנג־לי,
זילבערט בלייך דער מאָרגן;
אין דער טיי־הויז פון וואַנג־לי,
ווער וועט איצט שוין קומען?

שאַרט וואַנג־לי זיך מיד אַרום,
לעשט די זייד־לאַמטערן,
קוקט אין גרויען גאַס אַרויס —
ווישט די מאַנדל־אויגן . . .

זעצט זיך פאַר דעם פענצטער שטיל,
נעמט אַ פלייט אַ דינעם —
און פאַר מאָרגן־זון אין שויב
וויינט די פלייט פאַרלאָרן.

צו אַ כינעזער

מיין מאַנדל-אויגיקער !
אַ, דו וואָס קען ניט נאָר
ביז שפּעט אין נאַכט,
אַריבער פרעמדן, ברודיק וועש,
שטיין אַזוי געבויגן,
נאָר אָפּט :
די לאַנגע ליולקע אינעם מויל —
פאַרחלומט זיצן שטיל
און מיט דעם בלויען דינעם רויך,
אַריבער כינעם לאָטוס גערטנער
ווייט זיך טראָגן . . .
מיין האַנט-דרוק דיר !

מיין מאַנדל-אויגיקער !
אַ, דו וואָס קען ניט נאָר
די רייז-מאכלים גיך,
מיט שטעקעלעך, פאַרצערן,
נאָר אָפּט :
די העמדער איינגעפּאַקט —
פאַר מאַטן גאַז-ליכט
לייענען, אין שטילער איינזאַמקייט,
די צאַרטע וואונדערלעכע לידער
פון לי טאַי-פּאָ.
פאַרלאָרענער — געבענטשטער דו ! —
מיין גרוס דיר, דאָ !

לייענענדיק קאָנפוציוס

פון צווישן די געלע בלעטער און אַלטע טאָוולען פונעם בוך,
ווי קלוג
ווייען דופטיקע אַרוים
דעם חכמס רייד.

די טאָוולען צו. — מיין קאָפּ געבענטשט פון מייסטערס רו
זינקט לייכט. —
ווי לייכט אַריבער מיר
וואַלט ליכטיק דין געפאַלן ווייסער מאַנדל-צווייט.

סאָנעט

ווי אַ לאַנדשאַפט האַרבסטיק שטיל אין בלעטער־פאַל —
דערגרייכט האָב איך די שעהן פון געמיט:
ווען יעדער אומרו — ווי דער פייגל באַלד פאַרפליט,
און ליב דיר ווערט — אַן איינציקער זונען־שטראַל . . .

און אויף די ליפן — אַ שמייכל דין זיך שפּרייט,
און ציטערט — אין אַ באַהאַלטן שפּאַט:
אויף יאָרן וואָס האָבן אומגעזוכט גלוסטן פון אַ גאָט
פון דעם אָלימפּ . . . און זיינע שפּורן האָבן שוין פאַרוויייט.

און איבער זיילן פון אַ טעמפּל — פאַלנדיקע ווענט,
שפּילן פאַרבן, פייערן, ווי אין האַרבסט אַ זון־פאַרגאַנג.
און ס'ציטערט אין דער לופט — אַ שטילער קלאַנג
פון אַ וועלט דאָ אויפגעגאַנגען — זוניק דורכגעבלענדט —
און פון דער וועלט — ווי פונעם ים אין מושלען — דער ווייטער זשום
דורך מיר זיך טראָגט, און זינגט פאַרלוירן אין אַרום.

מוזיק־אימפּרעסיעס

I

צו דעם ווייטן טורעם פון עלפנביין,
שווער איז צו דערגיין . . .

ווײנט אַזוי די האַרציקע וויאָלא,
און מיט איר די אומעטיקע טשעל:
איבער די נאַכטיקע וואַסערן,
פינקלדיקע קאַנאַלן
שיפן טונקעלע גאָנדאָלן,
שווימענדיקע ארונות —
שיפן לאַנגזאַם, לייכט,
אין מאַטן ראָזיקן שטורקאַצן־ליכט
אַהין — — —
צום טונקעלן און שימערדיקן ווייט,
צום ווייסן טורעם פון עלפנביין . . .

II

פאַר די פענצטער בלויע נאַכט,
פלייטן־שפּיל און פידל.
אין די לייכטער — ווייסע ליכט,
זילבערדיקע ברענען . . .

צייט און יאָרן ווי אַ טויב
אַ ווייסע — דורכגעפלויגן.
מענער, דאַמען, גראַציעז,
אין מינועט זיך וויגן.

פליטון-שפיל און זיידנס-שאָרך,
בלאַנקע שפּיצן, שנאַלן.
שפּיגל-ווענט, און פאַר די ליכט
שטראַלנדיק קריסטאַלן . . .

III

פאַר דער שוועל פון דער וועלט איז ער אַרויס
און בלינד אַ שטילער זיך געזעצט . . .
ערגעץ האָבן סטרונעס ליכטיק אויפגעשפּילט. —

זיינע פינגער זעענדיקע, צאַרט אַזוי און ווייך,
האָבן דאָרט אַרום אין לופט אַרומגעשפּירט . . .
און די סטרונעס האָבן ליכטיקע געשפּילט.

פון אַ ים אַ שוואַרצן, מיד איצט אָנגעקומען,
צו אַליכטיק גוטן שטראַלנדיקן ברעג.
ליכטיקער די סטרונעס האָבן אויפגעשפּילט . . .

לבנות,, זונען, שטערן בלענדן איצט און בלענדן,
זיינע בלינדע אויגן, פאַר אַ לעבן לאַנג.
אין דער ווייט די סטרונעס האָבן באַלד פאַרשטילט . . .

IV

ווייסער טריפנדיקער זילבער
פון די דינע פינגער,
בלאַנדזשענדיק
אַריבער, ווייסע ביינדלעך פון אַ קלאַוויר.

ווייסער טריפנדיקער זילבער,
וויגט און שפרייט זיך
איבער קעפ אַרום . . .

נאַכט. לבנה-בענקשאַפט,
ווי אַ טייך אַ קלאָרער
איבער ברעגן, —
גיסט זיך ווייס און פלייצט.
פליגל-רויש. און שטילע,
דין זיך-וויגנדיקע טאַפּאָלן,
אין פילעגרין.

ווייסער טריפנדיקער זילבער.
ליכטיק-בלויע וועגן
איבער הויכן,
וויגן זיך אין ווייט.
ווייסער טריפנדיקער זילבער
אין גענזאַנגען
וויגט און שפרייט זיך
כישופדיק אַרום . . .

פראַנץ שובערט

אין טאָג
פון זיין יונג-געזאַלבטן טויט,
(אָ, זוניק-מילדער טאָג פון אָנהויב פרילינג!)
מיין האַרץ — אי אומעטיק, אי וואונדערבאַר אַזוי
גייט אויף, אין שטילן גאָלדיקן געזאַנג,
וואָס האָט געציטערט „ניט פאַרענדיקט" —
אויף זיינע ליפּן
און בלייכע שטאַרבנדיקע פינגער,
פון זיין האַנט.

אין טאָג
פון זיין יונג געקרוינטן טויט.
(אָ, טעג וואָס זוניקע אונז אין אייביקייט באַגלייטן.)
מיין האַרץ זינגט מיט דעם טרויער פון זיין ליד
דורך דער פרילינגדיקער וועלט.
און ציטערט:
ווי אין לעצטער רגע אויף זיין ליפּ —
אין ווייען פונעם ווינט
דורך דעם שפּראָצנדיקן בוים,
אין גאַנג פון רעגן,
און יונגן פאַלנדיקן צוויט . . .

טעג אין מאַי

דורך ליכטיקע טעג אין מאַי,
אויפגעלויכטן האָט דורך וועלדער
דער דאוג־וואוד,
און ווילדער עפּלבוים —
שנייאיק־ווייס . . .
ציטערן אין דער אָוונט־שעה
אויף מיין טיש. — אין וואַסער־גלאָז,
דינע צווייגלעך צוויי,
אין בליאונג אָפענער
און העלען:
פון אַ נאָענטער
ליכטיקער, פרילינגדיקער וועלט.

אויף די ברעגן פון ים . . .

אויף די ברעגן פון ים,
וויגן :
מעלאַנכאָלע וואַסער־גלאָקן,
מעלאַנכאָלע קופּער־קלאַנגען,
און פאַרוויגן מיין געמיט . . .

און גייענדיק אין טעג
אַ שטילער,
דורך גאַסן רוישיקע פון שטאָט.
טויכן אויף און וויגן
דורך מיין געמיט :
מעלאַנכאָלע וואַסער־גלאָקן,
מעלאַנכאָלע קופּער־קלאַנגען,
פון די ווייטע ברעגן, טיפן
פונעם ים.

סען סאַן

אויף מיין געמיט:
ווי אויף טרויבן־בלעטער, האַרבסטיק קילע רעגן־טראָפּנס,
טריפן שטיל און ציטערן:
טענער פון אַ פליים.

אויף מיין געמיט:
ווי אויף אַ זוניקער גאָלד־געזוימטער אָזערע —
פאַרנאַכט צווישן וואַסער־גראָזן,
שווימט און שטאַרבט שטיל זינגנדיק זיין שוואַן.

אין ווייסן ליכט . . .

אין פלאַם

פון ווייסן ברענענדיקן ליכט.
געזען האָב איך אָן אַ זייט:
מיין ווייט אַוועקגעגאַנגען וועג
פון אייך, —
איינזאַם, ציענדיק
אין ווינטער־וועלט . . .

און ביי דעם לויכטנדיקן יום־טוב ליכט
און פרידלעכן טיש,
געזען האָב איך זיך ווייט:
שטיל שפּאַנענדיק,
אין איינזאַמען
און ווייטן ווינטער־וועג.

היינט ווי אַמאָל

היינט ווי אַמאָל, בליט דורך גאָלדיקע טעג
אין ווייס־בלויען בעז — דער בוים אויפן וועג . . .

און איבער דעם פעלד ווי אין אוראַלטן זיין ;
דער זאַנגיקער ברויט און דופטיקער וויין.

אין טאָלן די רואיקע שאָף און די רינד —
און ס׳פּאַשען זיי שטילע, — אַ גרייז, צי אַ קינד.

און פליגל פון שוואַלבן — אין זוניקער בלוי —
אַ ליכטיקער שנור — דורך די דורות אַזוי . . .

און נאָענט דורך די וועגן און שטעט, ווי געשפּרייט
ליגט אַזוי פינצטער צעלייגט נאָך די נויט.

און איבער די גאַסן פון שטיין און גראַניט,
אין מענטשלעך געראַנגל, דער בלוט־שנור נאָך גליט ;

מיט שווערד זיך געטראָגן דורך לאַנד, און פאַרלענדט.
און איבער באַזיגטע — פאַרפאַנצערטע ווענט . . .

פון אַשור ביז רוים און ביז אונזערע טעג :
איינאיינציקער ליכטיקער — בלוטיקער וועג.

אינהאַלט

I

בלויע הויכן

כינוס ... 7
פאַרנאַכט אין פעלד ... 8
גלויבן ... 9
אָ, וועלט ... 10
אין שווערע טעג ... 12
מיראַזש ... 13
אָנהויב פרילינג ... 14
פייגל ... 15
נאַכטיקע שיין ... 16
ליד ביים ים ... 18
דער וועג ... 20
יאַגד ... 22
ציקאַדעס ... 23
געבעט ... 24
כריזאַנטעמעס ... 25
פרעזערוויר ... 26
מיט די וועגן פון האַרבסט ... 27
אין אָנדענק ... 28
אויך ער ... 29
אין שקיעה־שיין ... 30
צו ... 31
דער מאָלער ... 32
אין שטערן־ליכט ... 33
איך קום צוריק ... 34
באַשייד ... 35
אַליין ... 36
דער עפּלבוים ... 37
הויכן ... 38
איך בין דער אידיש זינגער ... 39
אונזער דור ... 40
אונזער יוגנט ... 42

II

גליאיקע וועגן

אויף אונזער וועג ... 45
ווייטע שיין ... 46

אין סוף פון טעג........................ 48
אין גאַנג פון דורות................... 57
מיר וועלן נאָך צוזאַמען גיין.............. 59
אין דיין לאַנד........................ 62
דאָס זיינען די טעג..................... 64
טעג אין קריג......................... 66
בשורות.............................. 68
וועגן אין דער לופט.................... 69
איך האָב היינט געזען.................. 70
פון די בערג......................... 72
אינדזלען............................ 74
אין בלויען שיין....................... 76
דורך די פאַרנעפּלטע וויטן................ 77
אַ שיף.............................. 78
ווען געקומען זיינען זיי צוריק............. 79
אשקלון............................. 81
מיין אידיש וואָרט..................... 82
מיין שטערן.......................... 83
ווייסע וועגן......................... 84

III

גאַסן און אַלייען

איבער אונז.......................... 87
גאַסן פון ניו־יאָרק................... 88
היינט ווי דאַן........................ 90
ביים האָדסאָן........................ 91
אין בבל־טורעם פון אונזערע טעג.......... 92
אין מיטן פון די רייד.................. 94
אין דער מיטאָג־שעה................... 95
אין האַרבסט......................... 96
יאָרן............................... 97
אין אַ רוימישן גאָרטן.................. 98
פּאַסטאָראַל......................... 99
איך בין דער יעגער.................... 100
גאָלדיקע נעכט....................... 101
ציפּרעסן............................ 102
בריוו.............................. 103
קינדער פון דער שטאָט.................. 105
אין טיפער נאַכט...................... 106
דער גאַסן־שפּילער..................... 107
אין ערשטן טאָג פון מאַי................ 108
אַרום שפּיטאָל........................ 109
פריש־ערד........................... 111
טויט............................... 112
דער קילער וואָלקנדיקער פרילינג־טאָג..... 113

דער אָריענט ... 114
וואַרניש ... 115
אינסענס ... 116
ברעגן פון ים ... 117
האַרבסטיקע גאַסן ... 120
פאַר מיין פענצטער ... 121
ביים אָוונט־טיי ... 122
סילועט ... 123
ווי אַ שטראָם ... 124
אין אָנקום פון אונזער טאָג ... 125

VI

אונטער זון און שטערן

אין ליכט פון אַקראָפּאָל ... 131
געזאַנגען ... 132
דער גריל ... 133
אינדיאַנער זומער ... 134
פענצטער צום ים ... 135
זאַפראַן ... 136
פאַר אונזערע פענצטער ... 137
אויף מיין וועג ... 138
פון אַ טאָג־בוך ... 139
פלייט געוויין ... 145
צו אַ כינעזער ... 146
לייענענדיק קאָנפוציוס ... 147
סאָנעט ... 148
מוזיק־אימפּרעסיעס ... 149
פראַנץ שובערט ... 152
טעג אין מאַי ... 153
אויף די ברעגן פון ים ... 154
סען סאַן ... 155
אין ווייסן ליכט ... 156
היינט ווי אַמאָל ... 157